כז. עס איז דא דער מנהג צו מאכן א סיום אויף א מסכת, און אויך דערמאנען וועגן "קרן התורה".

וואס עס זיינען דא אזוינע וואס לערנען תורה אן קיינע זייטיקע תכליות, אפי' ניט אויף צו ווערן א רב און פסק'נען דינים (וואס דערפאר לערנט ער תורה, וויבאלד אז "לימוד מביא לידי מעשה"[105]), אדער אויף צו מחנך זיין און מדריך זיין קינדער, וואס דאס זיינען דאך תפקידים הכי נעלים - איז אבער דא דער ענין פון לימוד התורה צוליב תורה אליין.

וואס אויף דערויף דארף מען זיך מתייגע זיין (כפי שרש נשמתו, און נאך למעלה מזה) אויף צו פארשטיין די ענינים פון תורה, אלע ד' חלקי התורה, לעמקם ולרחבם ולארכם, ווי ס'איז אויך פארשטאנדיק פון דעם פס"ד וואס דער אלטער רבי ברענגט אראפ אין הל' ת"ת שלו[106], אז יעדערער דארף לערנען כל חלקי התורה, און יעדערער קען אויפטאן[107] אין כל חלקי התורה, כמבואר דארטן בארוכה, און אויך צוגעצייכנט אין שוה"ג א טייל פון די בראי מקומות.

און כדי צו אראפנעמען בא זיי די בלבולים און דאגות וכו' - גיט מען זיי פון דעם "קרן התורה".

און די וואס ווילן זיך אין דערויף משתתף זיין - איז וויבאלד אז דאס איז א השתתפות וואס איז נאך קודם הלימוד, קען מען דעמולט ע"פ דין[108] איינשטעלן דעם תנאי אז ס'זאל זיין אין אן אופן פון "שמח זבולון בצאתך ויששכר באוהליך"[109], ער זאל האבן א חלק אין זיין שכר פאר לימוד התורה[110], ד.ה. ניט נאר אלס אן ענין של צדקה, וואס ער איז תומך אין תלמידי חכמים, נאר ער באקומט דעם שכר אלס א לומד תורה (פונקט ווי ער וואלט אליין געלערנט תורה).

וכמדובר כמ"פ אז די וואס ווילן, קענען אויך צוצייכענען שמם ושם אמם, כדי להזכירם לברכה.

און דער אויבערשטער זאל זיי בענטשן און מצליח זיין אז נאך בפעם הזאה זאלן זיי געבן נאך מערער וויפל זיי האבן אליין משער געווען אז זיי וועלן געבן, עאכו"כ כחר און מחרתים, וואס דעמולט וועט נאך צוקומען דער ענין פון "מעלין בקודש"[111].

מסתמא וועט מען אויך אויסטיילן צעטלאך, און די וואס - ווילן -

----

105) קידושין מ, ב. 106) פ"א ה"ד. 107) שם פ"ב ה"ב. וראה אגה"ק סכ"ו (קמה. א). 108) רמ"א יו"ד סרמ"ו ס"א. 109) ברכה לג, יח. 110) ראה גם הל' ת"ת לאדה"ז פ"ג ה"ד. 111) ברכות כח, א. וש"נ.

הנחת הת' בלתי מוגה

ווילן, וועלן קענען איצטער געבן, אדער געבן שפעטער, כאו"א כפי נדבת לבו,

אבי מ'זאל ניט יוצא זיין מיט א כוונה טובה און א מחשבה טובה (וואס דאס איז אויך מכריע את עצמו ואת כל העולם כולו לכף זכות) - נאר עס זאל טאקע זיין דער מעשה בפועל, "מעשה רב", סיי באיכות, און דער עיקר - בכמות, ווארום בא צדקה איז נוגע בעיקר דער ענין הכמות; עס דארף טאקע זיין דער ענין פון סבר פנים יפות[112], מיט אלע פרטים שבזה, אבער בעיקר איז נוגע כמות הצדקה.

און דאס זאל צוהיילן דעם "ומלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים", וואס דעמולט וועט זיכער זיין דער לימוד התורה צוליב תורה אליין, ווארום דעמולט וועלן זיין "מעדנים מצויין כעפר"[113], עס וועלן זיין כל הענינים הטובים און בשופי, וועט מען דאך זיכער לערנען תורה צוליב תורה אליין, ביז צו לימוד התורה לשמה.

כח. בנוגע צו א סיום אויף א מסכת - איז אזוי ווי עס רעדט זיך וועגן א נשיא, און א נשיא פון תורת חסידות חב"ד - איז מתאים מ'זאל מאכן א סיום אויף א מסכה וואס די גמרא[114] אליין זאגט אז זי איז פארבונדן מיט חסידות, "מילי דחסידותא", וואס דאס איז מסכת אבות (אע"פ אז ס'איז א דבר בלתי רגיל כלל צו מאכן א סיום אויף מסכת אבות).

וואס אין מסכת אבות זיינען אויך דא כמה פסקי דינים אין הלכה למעשה בפועל, ואדרבה, ווען מ'לערנט מסכת אבות בהשקפה ראשונה און בפשטות, זעט מען אז אלע ענינים פון דער מסכת זיינען ענינים פון מעשה בפועל -

הוץ פון די געציילטע משניות וואו עס רעדט זיך וועגן שכר המצוה אדער וועגן גודל ענין המצוות וכיו"ב, און חוץ פון דער הקדמה אז "משה קבל תורה מסיני"[115], און חוץ פון דעם סיום פון פרק "קנין תורה"[116] "ה' ימלוך לעולם ועד" - וואס דער פרק "קנין תורה" איז א ברייתא וואס מ'האט מצרף געווען צו פרקי אבות אלס פרק ששי (כמבואר אין מפרשי המשנה[117]), אבער די מסכה אליין ענדיקט זיך מיט פרק חמישי.

כט. ובהקדים:

מ'האט גערעדט פריער (בהמאמר) וועגן דעם ענין העמודים,

- אז -

----

112) ראה ב"ב ט, ב. שו"ע יו"ד סרמ"ט ס"ג. 113) רמב"ם סוף הל' מלכים. 114) ראה ב"ק ל, א. 115) רפ"א. 116) ראה מדרש שמואל לאבות רפ"ו. ועוד. 117) ראה פרש"י לאבות שם. ועוד.

אז ענינם איז, מחבר זיין דעם עליון שבעליונים מיט תחתון שבתחתונים, אין אן אופן אז זיי ווערן איין זאך.

וואס דער ענין שטייט בגלוי ובהדגשה אין תורה, ווארום אויף תורה זאגט מען אז זי איז "תורה אחת",

ביז וואנעט אז אע"פ וואס מ'זאגט אז לימוד התורה דארף זיין אין אן אופן פון "סלסלה"[118], מ'דארף אפטיילן איין הלכה פון דער צווייטער הלכה, אבער צוזאמען דערכיט איז תורה בדוגמת ענין הדם, וואס ער איז אין אלע אברים בשוה,

כמבואר אין לקו"ת (אין די דרושים פון מ"ת אין פ' במדבר[119]) אז אין אברים איז דא א חילוק צווישן איין אבר מיטן צווייטן, ווארום אין דערויף באשטייט דער ענין האבר, אז ער איז מחולק פון דעם צווייטן אבר, משא"כ דער ענין הדם, וואס ער איז אין אלע אברים בשוה,

ד.ה. אז אפי' ווי דער דם שטייט שוין אין די אברים, און ער איז מחי' יעדן אבר מיט זיין חיות הפרטי (ווארום "הדם הוא הנפש" - דורך דעם דם קומט אן חיות הנפש אין אלע אברים) - איז דער דם וואס געפינט זיך אין דעם אבר בשוה צום דם וואס געפינט זיך אין אלע איבעריקע אברים, און דער כללות הדם וואס געפינט זיך אין די אברים, איז בשוה צום דם וואס געפינט זיך אין דעם לב, וואס דארטן איז דער מקור פון דעם דם.

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז אויב מ'זאגט אז מ'איז דא א חלק אין תורה וואס מ'לערנט אים ע"ד ההלכה, און ס'איז דא א חלק אין תורה וואס האט ניט קיין שייכות צום ענין פון הלכה, דערפאר וואס דאס איז חלק האגדה שבתורה,

ביז וואנעט אז מ'וויל זאגן אז מסכת אבות האט ניט קיין שייכות צו דעם ענין פון הלכה, - וויבאלד אז מסכת אבות איז מחולק פון אלע איבעריקע מסכתות, ווארום רובם ככולם זיינען ענינים של הלכות, משא"כ מסכת אבות, וואס רוב המסכת רעדט זיך וועגן עניני מוסר און מדות טובות, ובלשון הרמב"ם[120] "מוסר הדיינין" -

איז דאס דער היפך פון דער גאנצער מהות פון תורה, ווארום תורה איז "תורה אחת" אין אלע אירע חלקים, און אין יעדער חלק שבתורה, זיינען דא אלע פיר דרגות שבתורה, סיי סוד, סיי רמז, סיי דרוש און סיי פשט, כולל אויך דעם ענין פון "בכן" און "גדול הלמוד שמביא לידי מעשה" - דער ענין פון הלכה למעשה.

- ל. -

---

118) ל' הכתוב - משלי ד, ח. וראה לקו"ת אחרי כז, סע"א ואילך. ועוד. 119) יג, א. 120) בהקדמתו לפיהמ"ש ד"ה והחלק הששי.

ל. ולדוגמא:

וועז מ'רעדט וועגן דעם יחס און שייכות פון אידן צום אויבערשטן - דער יחס וואס דריקט זיך אויס אין דעם ענין פון עבודת האדם לקונו, וואס "אני נבראתי לשמש את קוני" - זאגט מען אז ס'איז אן ענין וואס האט א שייכות צו מוסר, דרוש און סוד, ס'איז אבער ניט קיין ענין וואס האט א שייכות מיט דעם ענין פון הלכות.

הכל מודים אז ס'איז דא א הלכה כללית אז "אני נבראתי לשמש את קוני", וואס דאס איז א ציווי כללי אויף דעם ענין פון לימוד התורה און קיום מצוותי'; דאס איז אן ענין פון עבודת ה', און ניט אין מעשה בפועל, נאר אן ענין אין "עבודה שבלב", וואס דאס איז דער עיקר העבודה, כמרז"ל[121] אויפן פסוק[122] "ולעבדו בכל לבבכם", "איזו היא עבודה שבלב הוי אומר זו תפלה" - מ'וויל אבער שולל זיין אין דערויף דעם פארבונד מיט אן ענין של הלכה און שקו"ט אין הלכה.

קען מען אזוי ניט זאגן - ווארום עס קען ניט זיין אז בנוגע לכל התורה כולה, זאגט מען אז ענינה איז דער ענין פון הלכות, און מ'דארף זיך אין דערויף קאכן, און מ'איז מבאר דעם גודל הענין פון פלפולא דאורייתא, ביז אין אן אופן פון "עשרין וארבעה פירוקי" אויף יעדער קושיא[123]; און בנוגע צו עיקר בריאת האדם, וואס "אני נבראתי לשמש את קוני", זאל מען זאגן אז דאס איז אן ענין פון סודות התורה, רמזים שבתורה, דרוש און מוסר שבתורה, אבער ניט קיין ענין של הלכה!

אין דערויף איז דא א הלכה כללית, און ניט קיין הלכה כללית וואס האט ניט קיין פרטים, נאר א הלכה מיט כו"כ פרטים:

בנוגע צום יחס צווישן אידן מיטן אויבערשטן ("אני נבראתי לשמש את קוני") - איז דא א שאלה אין הלכה וואס פאר א יחס איז דאס - "אם כבנים אם כעבדים".

מ'זאגט טאקע אז "אני נבראתי לשמש את קוני", וויבאלד אז דער אויבערשטער האט אים באשאפן, דארף ער משמש זיין את קונו - אבער אין דעם אופן השימוש זיינען דא צוויי סוגים כלליים:

עס איז דא דער חיוב - ע"פ הלכה - וואס א __בן__ איז מחוייב מכבד זיין און משמש זיין את אביו (וואס דאס איז פון די הלכות גדולות בתורה) - "אם כבנים"; און ס'איז דא דער חיוב - ע"פ הלכה - וואס אן __עבד__ איז מחוייב משמש זיין את רבו - "אם כעבדים".

- און -

----

121) תענית ב, א. 122) עקב יא, יג. 123) ראה שבת לג, סע"ב.

און אין דערויף איז אויך דא א שאלה להלכה - בנוגע צו דעם כללות ענין השכר:

דער חיוב וואס א בן איז מחוייב מכבד זיין און משמש זיין את אביו, איז דאך נים צוליב דעם ענין פון קבלת שכר, ועד"ז דער חיוב וואס אן עבד איז מחוייב משמש זיין את רבו, איז נים דערפאר וואס דער אדון גים אים שכר: דער אדון דארף אים געבן מזונות כדי ער זאל האבן א קיום, אבער די גאנצע מציאות פון דעם עבד איז, אז ער איז נים קיין מציאות פאר זיך, נאר כל ענינו איז משמש זיין את רבו, וואס דאס גופא איז שולל דעם חיוב פון דעם אדון געבן אים שכר.

וואס עפ"ז קומט אוים אז דער גאנצער ענין פון "שכר" פאסט זיך נים ארייז נים אין דעם סוג פון "בנים" און נים אין דעם סוג פון "עבדים".

וואס דער ענין איז אויך פארבונדן מיטן סיום פון מסכת אבות - כדלקמן.

לא. דער סיום פון מסכת אבות (פרק חמישי) - ווי דאס איז אין משניות - איז: "בן הא הא אומר לפום צערא אגרא".

אין די פרקי אבות וואס דער אלטער רבי האט אריינגע-שטעלט בסידורו [וואס אע"פ אז די ענינים פון סידור זיינען ע"פ קבלה, זיינען זיי אבער אויסגעהאלטן אויך אין הלכה[124], ווארום ס'איז דאך "תורה אחת לכולנה"] - איז דער סיום פון מסכת אבות (פרק חמישי) מיט דער משנה "הוא הי' אומר בן חמש שנים למקרא וכו' בן מאה וכו'";

איז מבואר אין שער הכולל[125] אז באמת איז דער סיום המסכת די משנה "בן חמש שנים למקרא וכו'", אבער אזוי ווי דעמולט וועט דאך אויסקומען אז מ'איז מסיים מיט א דבר לא טוב ("בן מאה כאילו מת ובטל ועבר מן העולם"), און ע"פ תורה איז דאך דא דער חיוב לסיים בדבר טוב,

[וואס דאס איז דאך דער טעם וואס אין פיר פון די כ"ד ספרים[126] חזר'ט מען איבער בסיומם נאכאמאל א פריערדיקן פסוק[127], כדי לסיים בדבר טוב. עד"ז אויך בנוגע הפטרות חזר'ט מען איבער בסופן א פריערדיקן פסוק (וואס איינע פון זיי איז די הפטרה פון שבת ר"ח, וואס מ'חזר'ט איבער נאכאמאל דעם פסוק[128] "והי' מדי חודש בחדשו") - כדי לסיים בדבר טוב.

- און -

----

124) ראה הקדמה לשער הכולל. 125) פ"ו סק"ג.
126) ישעי', תרי עשר (מיכה), קה"ה ואיכה. 127) פרש"י איכה בסופו. 128) ישעי' סו, כג.

און דאס איז אויך איינער פון די טעמים אויף דעם וואס מ'איז מסיים די גמרא שבש"ס[129] מיטן מאמר "כל השונה הלכות בכל יום וכו'" - כדי לסיים בדבר טוב[130], ועד"ז אין נאך כמה מסכתות],

איז מען דערפאר מסיים מיט דער משנה "לפום צערא אגרא", וואס דאס איז אן ענין טוב, ווארום עס רעדט זיך וועגן "אגרא" - דער ענין פון שכר.

דאס איז אבער נאר ווען עס רעדט זיך וועגן מסכת אבות ווי זי שטייט אין משניות (אז כדי מ'זאל ניט מסיים זיין בדבר לא טוב, איז מען מסיים מיט "לפום צערא אגרא", אע"פ אז באמת איז דער סיום די משנה "בן חמש שנים למקרא וכו'"); אבער אין סידור, וואס דארטן איז מען סיי-ווי ניט מסיים מיט דער משנה אין אבות, נאר מיט דער משנה "רבי חנניא בן עקשיא אומר רצה הקב"ה כו'", קען מען איבערלאזן דעם סדר המשניות ווי ס'דארף צו זיין, אז דער סיום איז די משנה "בן חמש שנים למקרא וכו'", ווארום מ'איז ניט מסיים אמירה הפרק מיט דער משנה (וואס דעמולט וועט אויסקומען אז מ'איז מסיים בדבר לא טוב), נאר מיט דער משנה "רבי חנניא בן עקשיא אומר וכו'".

[אלס מאמר המוסגר:

לויט דעם ביאור פון שער הכולל, אז אין סידור דארף מען ניט בייטן דעם סדר המשניות, דערפאר וואס מ'איז סיי-ווי ניט מסיים מיט דער משנה פון אבות - ווערט א שאלה בנוגע צו דער הפטרה פון שבת-ר"ח:

ווען שבת ר"ח איז צוזאמען מיט מחר חודש (אזוי ווי ס'איז געווען אין חודש העבר), וואס דעמולט איז מען ניט מסיים מיט דער הפטרה פון שבת-ר"ח, נאר מיט פסוקים פון דער הפטרה פון מחר חודש, איז לכאו', וואס דארף מען דעמולט איבער'חזר'ן דעם פסוק "והי' מידי חודש בחדשו" (וואס דער טעם בזה איז כדי צו מסיים זיין בדבר טוב) - מ'איז דאך סיי-ווי ניט מסיים מיט דער הפטרה פון שבת ר"ח, נאר מיט די פסוקים פון דער הפטרה פון "מחר חודש"?

וי"ל בזה:

וויבאלד אז ס'זיינען דא קהילות וואו מ'פירט זיך אז ווען שבת-ר"ח איז צוזאמען מיט "מחר חודש", איז מען <u>ניט</u> מוסיף פסוקים פון דער הפטרה פון "מחר חודש" (ווי עס שטייט אין די הגהות פון דעם רבי'ן נ"ע אין סידור[131], אז דאס וואס

- מ'איז -

---

129) מסכת נדה. 130) תוד"ה תנא - נדה בסופה.
131) סידור י, ד [שכ, ד].

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

מ׳איז מוסיף די פסוקים איז ע"פ מנהג ספרד) - איז כדי ניט משנה זיין בין קהילה לקהילה, איז אומעטום געבליבן דער מנהג אז בשבת-ר"ח וואס איז צוזאמען מיט "מחר חודש", חזר׳ט מען אויך איבער דעם פסוק "והי׳ מדי חודש בחדשו".

און מ׳קען אויך זאגן, אז כדי מ׳זאל ניט משנה זיין צווישן איין שבת-ר"ת מיט א צווייטן שבת-ר"ח (וואס איז צוזאמען מיט "מחר חודש"), האט מען קובע געווען דעם מנהג אז מ׳זאל אלעמאל איבער׳חזר׳ן דעם פסוק "והי׳ מדי חודש בחדשו", אפי׳ ווען מ׳דארף ניט באווארענען דעם עניין פון לסיים בדבר טוב, וויבאלד אז בלאה"כ איז מען מסיים מיט אנדערע פסוקים.

וואס אע"פ אז אזוי איז מבואר אין שער הכולל (אז דער סיום פון דער מסכת איז - די משנה "בן חמש שנים למקרא וכו׳"), און איך בין מחוייב בכבודו (עכ"פ מדרבנן[132]), וויבאלד אז ער איז מיינער אן עלטער-זיידע - איז אבער ניט משמע אזוי:

מ׳האט דאך די משניות וואס זיינען געדרוקט געווארן בהשוואה מיט א כת"י וואס איז נעתק געווארן פון א כת"י וואס דער רמב"ם האט געשריבן (אדער עכ"פ מגי׳ געווען), און דארטן[133] שטייט ניט דער עניין פון "בן מאה וכו׳" (וואס דעמולט דארף מען באווארענען אז מ׳זאל מסיים זיין בדבר טוב), נאר "ותן חלקנו בתורתך", און אעפ"כ איז דער סיום "לפום צערא אגרא" -

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז דער סיום פון דער מסכת "לפום צערא אגרא" איז ניט קיין שינוי הסדר (כדי לסיים בדבר טוב), נאר דאס איז טאקע דער סדר ווי ס׳דארף זיין אין משניות, אז דער סיום המסכת איז "לפום צערא אגרא".

און אפי׳ לויטן ביאור פון שער הכולל - איז בשעת מ׳לערנט מסכת אבות ווי זי שטייט אין <u>משניות</u> (ניט ווי זי שטייט אין סידור), איז דאך דער סיום המסכת מיט דער משנה "לפום צערא אגרא" (מאיזה סיבה שתהי׳), איז פארשטאנדיק, אז ווען עס רעדט זיך וועגן א סיום, איז דער "מנהג ישראל" (וואס "תורה הוא"[134]) אז דער סיום איז מיט דער משנה "לפום צערא אגרא".

לב. מסכת אבות איז דאך דער מקור פון גאנץ תושבע"פ,

- ווארום -

----

132) ראה רמ"א יו"ד סר"מ סכ"ר. 133) הוצאת הרב קאפח. וראה גם בהקדמת המו"ל לסדר נזיקין. 134) תוד"ה נפסל - מנחות כ, ב.

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

ווארום מסכת אבות הויבט זיך אן מיט "משה קבל תורה מסיני", און דערנאך רעכנט מען אויס דעם גאנצן סדר ההשתלשלות פון תושבע"פ - כדי אז מ'זאל וויסן אז דאס איז סאקע תורה שבע"פ, ער הערט דאס פון די חכמים שבדורו, זיי גיבן איס אבער איבער דאס וואס "משה קבל תורה מסיני ומסרה כו'" ביז צו זיין דור.

[וואס דערפאר זעט מען אז לדעת ולמנהג כמה איז התחלת הלימוד * און מ'איז מקדים ** - מסכתא אבות.

דער סדר לימוד הש"ס ווי דער מאירי (בהקדמתו לחיבורו לאבות ***) ברייננגט אראפ - איז דער סדר הלימוד בישיבות וכו'].

איז לכאו' ניט פארשטאנדיק:

ווי קומט דאס אז דער סיום פון גאנץ מסכת אבות איז "לפום צערא אגרא" - אן ענין של שכר; מ'האט דאך געלערנט פריער (ס"ל) אז ע"פ הלכה איז דער יחס פון אידן מיטן אויבערשטן "אם כבנים אם כעבדים", און מ'האט מבאר געווען אז סיי בא בנים און סיי בא עבדים פאסט ניט דער גאנצער ענין השכר?

ובפרט נאך מאכן דערפון דעם סיום וחותם פון מסכת אבות, וואס זי איז דער מקור פון גאנץ תושבע"פ [וואס פון תושבע"פ דוקא קומט ארוים דער כללות הענין פון הלכה פסוקה, ווי דער אלטער רבי איז מבאר אין דער אגה"ק[135] וועלכע מ'האט דערמאנט פריער (בהמאמר)], און זאגן אז פארוואס דארף זיין די הנהגה אין אן אופן פון "(מילי ד)חסידותא", לפנים משורת הדין - דערפאר וואס "לפום צערא אגרא"?!

לג. דערנאך זיינען דא נאך כמה דיוקים אין סיום המסכת:

די מסכת ענדיקט זיך מיט דער משנה "בן בג בג אומר הפך בה והפך בה דכולא בה וכו'", און דערנאך די משנה "בן הא הא אומר לפום צערא אגרא".

איז

----

*) ועוד קודם הגיל דבן עשר למשנה - מלמדים את התלמידים (אף כי לא בתור לימוד מסכתא) הענינים אשר: משה קיבל תורה מסיני כו' הפך בה והפך בה כו' לפום צערא אגרא כו' כל מה שברא הקב"ה כו', וכו"כ מהענינים שבאמצע.

**) בכל המקומות ובכל שנה לקרותה וללמדה בשבתות שלפני העצרת "לפי שבעצרת ניתנה התורה והלומד צריך לדעת קודם דרך לימודה ואיך יתנהג בה אחד לימודה כו' שיהי' לב כל אחד בישראל מוכן לקבל התורה בלב שלם ולהתנהג בה כדה וכשורה"[135*].

***) וזה סדר לימוד הגאונים[136].

----

135) סכ"ט (קנ, ב ואילך). *135) מדרש שמואל בהקדמתו - בשם "מצאתי כתוב". 136) שה"ג להחיד"א ח"א בערכו.

טייטשן אפ מפרשי המשנה"[137] אז "בן בג בג" און "בן הא הא" זיינען געווען גרים (אדער בני גרים[138]), וואס וויבאלד אז מ'האט מורא געהאט פאר די מלשינים, האט מען געדארפט מעלים זיין אז זיי זיינען גרים, מ'האט דאס נאר מרמז געווען אין זייערע נעמען "בן בג בג" און "בן הא הא":

"בן הא הא" מיינט אז ער איז אזא וואס איז פארבונדן מיט א "הא" (ע"ד ווי מ'זאגט "בן חורין") - וואס דער "הא" איז מרמז אויף אברהם ושרה, וואס בא ביידן האט מען מוסיף געווען א ה"א על שמותם [ניט "אברם" נאר "אברהם", "אב המון גוים"[139], ועד"ז בא שרה, ניט "שרי" ("לי ולא לאחרים") נאר "שרה", "שתהא שרה על כל"[140]], וואס אברהם ושרה זיינען געווען "תחלה לגרים"[141], און בא זיי איז געווען דער ענין פון "הנפש אשר עשו בחרן"[142], אז "אברהם מגייר את האנשים ושרה מגיירת הנשים"[143] - און דערפאר איז "בן <u>הא הא</u>" מרמז אז ער איז א גר.

ועד"ז בנוגע צו "בן בג בג", וואס "<u>בג</u>" איז בגימט' <u>ה"א</u> - איז דאס אויך א רמז אז ער איז א גר.

מ'האט ניט געקענט דופן ביידן "בן הא הא", ווארום דעמולט וואלט מען ניט געוואוסט וועמען מ'מיינט - האט מען זיי געמוזט געבן <u>אנדערע</u> נעמען, אבער אויך דער צווייטער נאמען, "בן בג בג", איז מרמז אז ער איז א גר, ווארום "בג" איז בגימט' ה"א.

וואס דאס איז דאך א מאדנער ביאור (בפרט אויב מ'זאל טראכטן וועגן אן ענין של הלכה) - זאגן אז וויבאלד מ'האט מורא געהאט פאר מלשינים וואס זיינען געווען בדור ההוא, האט מען געדארפט מעלים זיין זייערע נעמען,

ובפרט אז מ'געפינט אין גמרא בכ"מ[144] אז "בן בג בג" האט געהייסן ר' יוחנן, און דארטן שטייט בפירוש "ר' יוחנן בן בג בג אומר וכו'", און דוקא דא שטייט "בן בג בג".

דער עיקר אבער וואס איז דא ניט פארשטאנדיק - איז אין עצם הענין:

אין מסכת אבות ווערט אויסגערעכנט דער גאנצער סדר ההשתלשלות פון די תנאים בכל הדורות כולם, און דארטן ווערן געברא̊כט כו"כ הלכות (ווי דערמאנט פריער (סכ"ט-ל) אז גאנץ מסכת אבות איז ענינים של הלכות), אזוי ווי אין גאנץ תורה, ובפרט אז מסכת אבות איז דער יסוד פון גאנץ תושבע"פ.

איז לכאו' ניט פארשטאנדיק: - ווי -

----

137) מד"ש לאבות כאן בשם הרשב"ם - הובא בתוי"ט כאן.
138) ספר המעריך - הובא בסדה"ד ערך בן בג בג. 139) לך לך יז, ה. 140) פרש"י עה"פ שם, טו. 141) ראה סוכה מט, ב.
142) לך לך יב, ה. 143) פרש"י עה"פ. 144) נסמנו בסדה"ד שם. תולדות הו"א (הייכאן) ערך ר' יוחנן בן בג בג (ע' 672).

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

ווי קומט דאס אז ווען מ׳קומט צום סיום פון מסכת אבות – וואס דארפן דארף שטיין דער ענין הכי נעלה אין גאנץ "מילי דחסידותא" פון מסכת אבות – איז מען מסיים מיט א מאמר פון גרים דוקא – "בן בג בג" און "בן הא הא"?

אין מסכת אבות[145] ווערן טאקע דערמאנט שמעי׳ ואבטליון, וואס זיי האבן געשטאמט פון גרים[146], און עס ווערט דערמאנט ר"ע[147], וואס ער האט אויך געשטאמט פון גרים[148], אבער רובם ככולם פון די תנאים וואס ווערן דארטן געבראכט, זיינען ניט קיין גרים – איז פארוואס איז מען מסיים מיט א מאמר פון גרים דוקא?

לכאו׳, ווען עס רעדט זיך וועגן מעלת לימוד התורה וקיום המצוות ("הפך בה וכו׳", און "לפום צערא אגרא") – איז דאס שייך צו משה רבינו, וויבאלד אז "משה קבל תורה מסיני", און דערנאך "ומסרה ליהושע" (וואס ער איז געווען פון שבט בנימין); ועד"ז זיינען דא רובם פון די תנאים וואס ווערן דערמאנט אין מסכת אבות, וואס זיינען ניט קיין גרים (חוץ פון געציילטע), קענען זיי אויך רעדן וועגן מעלת לימוד התורה און קיום המצוות –

איז ניט פארשטאנדיק: פארוואס ווען מ׳רעדט וועגן מעלת לימוד התורה וקיום המצוות, ברענגט מען א מאמר פון גרים דוקא?

אין דערויף גופא דארף מען פארשטיין:

פארוואס האט דוקא "בן בג בג" גערעדט וועגן דער מעלה פון לימוד התורה – "הפך בה והפך בה דכולא בה כו׳", און "בן הא הא" – וועגן מעלת המצוות – "לפום צערא אגרא"?

לד. איז נקודת הביאור בזה:

מ׳געפינט דאך אז תורה איז מאריך אין דעם ענין פון שכר מצוות – איז לכאו׳ ניט פארשטאנדיק: שלימות העבודה איז דאך אין אן אופן פון "אם כבנים אם כעבדים", וואס באביידן פאסט ניט דער גאנצער ענין השכר (כנ"ל ס"ל), איז פארוואס איז תורה אזוי פיל מאריך אין דעם ענין השכר?

איז דער ביאור בזה:

דער רמב"ם[149] איז מבאר אז די יעודים גשמיים וואס ווערן דערמאנט אין תורה, זיינען כדי אז מ׳זאל זיין "פנויים ללמוד בחכמה ולעשוה המצוה", ד.ה. אז דורך דערויף וואס ס׳איז דא דער ענין פון "ונהחי גשמיכם בעתם"[150], ביז אין אן אופן אז "מעדנים מצויין כעפר", קען מען לערנען תורה און מקיים זיין מצוות "כמצוה רצונך", אן קיינע בלבולים,

- וואס -

---

145) פ"א מ"י-יא. 146) ראה סרה"ד בערכם. תולדות תו"א בערכם (ע׳ 1228 ואילך). 147) בפ"ג מי"ג. 148) רמב"ם בהקד׳ לספרו בתחלתה. 149) הל׳ תשובה רפ"ט. 150) בתוקותי כו, ד.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז דאס איז ניט צוליב דעם ענין השכר מצ"ע, נאר כדי אז מ'זאל קענען מקיים זיין תומ"צ כדבעי.

דער ביאור איז נאך אבער ניט מספיק - ווארום:

דער פירוש הפשוט פון "למען ירבו ימיכם וגו'"[151] (ועד"ז אלע איבעריקע יעודים וואס שטייען אין תורה) איז, אז דער "שמוע תשמעו"[152], דער "וקשרתם לאות על ידכם גו'"[153], און דער "וכתבתם על מזוזות גו'"[154], זאל זיין "למען ירבו ימיכם גו'", כדי אז מ'זאל באקומען דעם שכר;

אבער ניט להיפך, אז דער שכר פון "ירבו ימיכם וגו'" וכיו"ב, איז כדי אז מ'זאל קענען מקיים זיין דעם "שמוע תשמעו", און "וקשרתם גו'" (וואס "הוקשה כל התורה כולה לתפילין"[155]), און "וכתבתם גו'".

איז דער ביאור בזה:

דער רמב"ם[156] איז מבאר, אז תכלית שלימות העבודה איז די עבודה "לשמה", אז ער איז מקיים תומ"צ ניט צוליב דעם ענין פון שכר, אפי' ניט דער שכר הכי נעלה פון עוה"ב, נאר אין אן אופן פון עבודה מאהבה.

דער אופן העבודה איז אבער "מעלה גדולה מאד . . והיא מעלת אברהם אבינו שקראו הקב"ה אוהבו"[157], און מ'קען צוקומען דערצו ערשט לאחרי הקדמת העבודה אין אן אופן פון "שלא לשמה" - צוליב דעם ענין פון שכר וכיו"ב.

און אין דער עבודה פון "שלא לשמה" גופא זיינען אויך דא כמה דרגות ושלבים, ווי דער רמב"ם איז מבאר בארוכה אין פיהמ"ש[158], אז דאס איז בדוגמא ווי אין כללות חיי האדם, וואס ווען ער איז נאך א פיצל קינד, זאגט מען אים צו שכר פון מיני מתיקה, ממון וכיו"ב, און דערנאך ווען ער ווערט עלטער, זאגט מען אים צו שכר פון ענינים נעלים יותר, ביז צום שכר הכי נעלה, וואס דאס איז דער ענין פון עוה"ב - וואס דאס זיינען דרגות אין דעם אופן העבודה פון "שלא לשמה";

און ערשט דערנאך, לאחרי זמן ארוך, קען ער צוקומען צו דער כתה וואס האלט שוין בא לימוד התורה וקיום המצוות אין אן אופן פון "לשמה".

און וויבאלד אז די עבודה מאהבה, "לשמה", איז שייך

- מערניס -

----

151) עקב שם, כא. 152) שם, יג. 153) שם, יח.
154) שם, כ. 155) קידושין לה, א. 156) סוף הל' תשובה.
157) רמב"ם שם פ"י ה"ב. 158) סנהדרין פ' חלק ד"ה וכה חמישית.

מערניט ווי צו יחידי סגולה, און ווען תורה גיט ארויס אן ענין של הלכה למעשה, איז "התורה <u>על הרוב</u> תדבר"[159] - זאגט תורה "לעולם יעסוק אדם בתורה ואפילו שלא לשמה"[160], ווארום מ'קען ניט אנהויבן גלייך פון "לשמה", עס מוז פריער זיין דער ענין פון "שלא לשמה".

און דערפאר איז תורה אזוי פיל מאריך וועגן דעם ענין השכר, ווארום ביז ווען מ'דערגרייכט צום אופן העבודה פון "לשמה", דארף זיין די עבודה פון "שלא לשמה" - צוליב דעם ענין השכר.

לה. מ'האט געפרעגט פריער אז שלימות העבודה איז אין אן אופן פון "לשמה" - ניט פארבונדן מיט קיין ענין של שכר.

וואס אויף דערויף דארף מען ניט האבן קיינע הסברות, ווארום ס'איז פארשטאנדיק בפשטות, אז וויבאלד "אני נבראתי", ער איז באשאפן געווארן דורך דעם אויבערשטן, איז זיין גאנצע מציאות שייך צו דעם וואס האט אים באשאפן - "לשמש את קוני".

וכאמור לעיל אז דער יחס צווישן אידן מיטן אויבערשטן איז "אם כבנים אם כעבדים", און בא ביידן פאסט ניט דער גאנצער ענין השכר - עאכו"כ אז ס'איז א סאך מער סיי פון "עבדים" און סיי פון "בנים":

אן עבד איז כל מציאותו - מציאות האדון[161], אע"פ אז דער אדון האט אים ניט באשאפן, ועאכו"כ ווען עס רעדט זיך וועגן א נברא מיטן בורא שלו, וואס דעמולט איז דאך זיכער אז כל מציאות הנברא איז דער בורא, איז פארשטאנדיק אז עס דארף זיין דער "לשמש את קוני".

ועד"ז איז עס נאכמער פון "בנים" - ווארום:

דער בן איז טאקע נולד מן האב, אבער דערנאך ווערט ער א מציאות לעצמו, וואס דערפאר זעט מען אז אע"פ אז "ברא כרעא דאבוה"[162], איז אבער "חייך קודמים"[163], אפי' בנוגע צו חיי אביו, ביז וואנעט אז אפי' "אבידתו ואבידת אביו אבידתו קודמת"[164];

ווען עס רעדט זיך אבער וועגן דעם אויבערשטן - דארף זיין עבודתו אין אן אופן פון מס"נ [ע"פ הלכה זיינען דא

- ענינים -

----

159) כו"נ ח"ג פל"ד. 160) פסחים נ, ב. רמב"ם שם ה"ה. 161) ראה שיתת מוצאי ש"פ לך לך תשל"ח ס"ה. 162) יונת אלם רפ"ב. וראה תוד"ה מקמי - יבמות ג, א. 163) ב"מ סב, א. 164) שם לג, א במשנה. וראה לקו"ה ר"ה סב, ד.

ענינים אויף וועלכע ער איז מחוייב זיך מוסר נפש זיין[165], סאקע מערניס ווי ענינים מסוימים, אבער אין די ענינים דארף זיין דער ענין פון מס"נ כפשוטו], ווארום ער איז ניט קיין מציאות בפ"ע,

אפי' ווען ער איז אלט "מאה ועשרים שנה" - איז בנוגע לאביו, איז ער סאקע געווארן א מציאות בפ"ע, אבער בנוגע לבוראו, ווערט ער נתהוה בכל רגע ורגע מאין ואפס המוחלט,

[כתורת הבעש"ט הידועה[166], אז ח"ו צו זאגן אז דער אויבערשטער האט אים באשאפן ווען ער איז געבארן געווארן, אבער דערנאך גייט ער ארום און איז א מציאות בכח עצמו - נאר בכל רגע ורגע ווערט ער נתהוה מאין ואפס המוחלט],

און וויבאלד אז ער ווערט שטענדיק נתהוה פון דעם אויבערשטן, בכל רגע איז דא דער "אני נבראתי" - איז פארשטאנדיק בפשטות אז עס דארף זיין דער "לשמש את קוני", און עס דארף אינגאנצן ניט זיין פארבונדן מיט קיין ענין של שכר.

אבער אעפ"כ, וויבאלד אז דער אויבערשטער האט געוואלט אז קיום התומ"צ זאל זיין דורך א נשמה בגוף דוקא, און דער טבע האדם איז, אז מ'קען ניט אנהויבן מיט דער עבודה "לשמה" (און "התורה על הרוב תדבר") -

גיט דער אויבערשטער דעם ענין פון שכר (און עס ברענגט זיך אראפ אין תורה באריכות גדולה ביותר), כדי אז פריער זאל זיין די עבודה אין אן אופן פון "שלא לשמה", צוליב דעם ענין השכר, און ע"י הקדמת העבודה "שלא לשמה", וועט מען דערנאך צוקומען צום אופן העבודה פון "אברהם אוהבי"[167], וואס דאס איז תכלית ושלימות העבודה.

לו. דער כללות ענין השכר, איז דוקא מצד אידן, וואס זיי זיינען מקבלי התורה, אבער כצד דעם אויבערשטן, דער נותן התורה, דארף ניט זיין דער גאנצער ענין השכר.

והביאור בזה:

מ'האט גערעדט אמאל באריכה[168] בנוגע צו כללות הענין פון תומ"צ, אז וויבאלד דער אויבערשטער האט געגעבן די תורה צו אידן, זיינען דא אין דערויף צוויי ענינים:

גדרי הנותן, דער אויבערשטער, וואס ער איז דער נותן - התורה -

----

165) רמב"ם הל' יסוה"ת פ"ה ה"ב. 166) שעהיוה"א פ"א. 167) ישעי' מא, ח. רמב"ם הל' תשובה שם ה"ב. 168) הגש"פ עם לקוטי טעמים כו' (קה"ת השל"ו) ע' שפא.

הנחה הת' בלתי מוגה

התורה, און גדדי המקבל, אידן, וואס זיי זיינען מקבלי התודה.

אויף תורה שטייט[169] "הלא כה דברי כאש", דאס איז "דברי" פון דעם אויבערשטן; דערנאך איז אבער דא דאס וואס "משה קבל תורה מסיני" - ווי תורה קומט אן צום מקבל.

און דערפאר זיינען דא ענינים אין תורה וואס אין זיי איז בהדגשה ענינו של הקב"ה, דער נותן התורה, און ס'זיינען דא ענינים אין תורה וואס אין זיי איז בהדגשה דער ענין פון בנ"א, מקבלי התורה.

ווי מ'געפינט אז בנוגע לכמה הלכות איז דא א מחלוקת צווישן ר"י און ר"ע צי מ'זאגט "רברה תורה כלשון בנ"א", ארער אז מ'זאגט ניט "דברה תורה כלשון בנ"א"[170].

עס זיינען דא ענינים אויף וועלכע מ'זאגט לכל הדעות אז "דברה הורה כלשון בנ"א" - ווי דער רמב"ם[171] רעכנט אויס דאס וואס ס'שטייט "יד ה'" און "עיני ה'" וכיו"ב, ועד"ז דאס וואס ס'שטייט אין פרשת שבוע זה[172] "וירא ישראל את היד הגדולה גו'", וואס בנוגע צו די ענינים איז א דבר ברור לכל הרעות אז "דברה תורה כלשון בנ"א"; און עס זיינען דא ענינים וואס שטייען בספק ובפלוגתא.

וי"ל אז דאס איז דער חילוק צווישן די טפחיים האמצעיים שבלוחות[173], וואס אין זיי איז שייך א ספק צי "דברה תורה כלשון בנ"א", מיט די טפחיים וואס עס האלט דער אויבערשטער, וואס אין זיי איז לכו"ע "לא רברה תורה כלשון בנ"א", און די טפחיים וואס עס האלט משה רבינו, וואס אין זיי איז לכו"ע "דברה תורה כלשון בנ"א".

לז. האמור לעיל אז אין תורה זיינען דא ענינים וואס אין זיי איז בהדגשה ענינו פון נותן התורה, און אין ענינים וואס אין זיי איז בהדגשה ענינם פון מקבלי התורה - זעט מען בכללות אין די צוויי סוגים פון מצוות:

עס זיינען דא מצוות אויף וועלכע מ'דארף זיך מוסר נפש זיין, און עס זיינען דא מצוות אויף וועלכע מ'זאגט "יעבור ואל יהרג"[174].

וואס דער ענין פון מס"נ (וואס דארף זיין אין געוויסע מצוות), איז פארבונדן בגלוי מיטן אויבערשטן, און אין דערויף איז בהדגשה ענינו פון נותן התורה, ביז וואנעט אז דער איד ווערט אויס מציאות,

- און -

----

169) ירמי' כג, כט. וראה ברכות כב, א. 170) ראה תוס' סוטה כד, ריש ע"ב. מל"מ הל' דעות פ"ו ה"ז. 171) הל' יסוה"ת פ"א ה"ט. 172) יד, לא. 173) ירוש' תענית פ"ד ה"ה בתחלתה. שמו"ר פכ"ב, א. 174) רמב"ם שם פ"ה ה"ב.

הנחת הת' בלתי מוגה

און ווי ס'איז מבואר אין תניא[175] אז דער ענין המס"נ (וואס ער ווערט אויס מציאות) איז בטבע פון א אידן, בדוגמת אור הנר וואס ער איז "חפץ בטבע ליפרד מהפתילה ולידבק בשרשו . . כך נשמת האדם . . תפצה וחשקה בטבעה ליפרד ולצאת מן הגוף ולידבק בשרשה ומקורה בה' . . הגם שתהי' אין ואפס ותתבטל שם במציאות לגמרי . . זה רצונה וחפצה בטבעה", ד.ה. אז אין די מצוות אויף וועלכע מ'דארף זיך מוסר נפש זיין, איז בהדגשה ענינו פון נותן התורה.

און אין אלע איבעריקע ענינים, אויף וועלכע מ'דארף זיך נים מוסר נפש זיין, איז מודגש ענינם פון מקבלי התורה, אז עס דארף זיין א נשמה בגוף דוקא (וואס די איז מוגבל אין די מדידות והגבלות פון דעם גוף), ביז וואנעט אז "יעבור ואל יהרג", אבי ס'זאל בלייבן די מציאות פון א נשמה בגוף, ד.ה. אז אין דערויף איז בהדגשה ענינם פון מקבלי התורה, וואס דאס איז דער כללות הענין וואס "דברה תורה כלשון בנ"א".

לח. ע"פ האמור לעיל אז אין תומ"צ זיינען דא גדרי הנותן (דער אויבערשטער, וואס ער איז דער נותן התורה) און גדרי המקבל (אידן, וואס זיי זיינען מקבלי התורה), איז פארשטאנ-דיק, אז דער כללות הענין פון שכר מצוות, איז פארבונדן מים גדרי המקבל:

מצד גדרי הנותן, דארף נים זיין דער גאנצער ענין השכר, ווארום כל מציאותו פון דעם אדם העובד איז מערנים דאס וואס "אני נבראתי לשמש את קוני", קומט אים נים קיין שכר אויף דערויף - נאר מצד גדרי המקבל, זאגט מען אז וויבאלד ער האט געטאן די עבודה, קומט אים שכר.

און דערפון איז פארשטאנדיק אז דאס וואס מ'זעט אז אין תורה (סיי תושב"כ און סיי תושבע"פ) איז מודגש דער ענין פון שכר (ווארום "התורה על הרוב תדבר", כנ"ל (סל"ד) בארוכה) - איז דאס פארבונדן מים גדרי המקבל (אידן, מקבלי התורה).

לט. וויבאלד אז דער ענין השכר איז פארבונדן מים גדרי המקבל קומט צו אין דעם ענין השכר אן ענין נוסף (וואס איז פארבונדן מערנים ווי מצד גדרי המקבל) - דער ענין פון "לפום צערא אגרא":

עס איז דא דער ענין השכר וואס איז פארבונדן דערמים וואס דער אומן טוט אויף אין "שבח כלי", ד.ה. אז מצד דערויף וואס דער אומן האט כוסיף געווען און משביח געווען

- דעם -

----

175) רפי"ט.

דעם כלי וואס דער בעה"ב האט אים געגעבן, קומט אים דערפאר שכר (ועד"ז אויך בנוגע צום שכר וואס עס באקומט אן עבד עברי אדער א פועל וכיו"ב).

דערנאך איז אבער דא דער שכר וואס איז פארבונדן מיט "לפום צערא אגרא": די פעולה וואס ער האט געטאן איז געווען פארבונדן מיט אן ענין של צער - גיט מען אים שכר אויף דעם צער אליין. ד.ה. נוסף אויפן שכר וואס מ'גיט אים פאר דעם שבח וואס ער האט אויפגעטאן דורך זיין פעולה, גיט מען אים א שכר מיוחד אויפן צער וואס ער האט געהאט אין דערויף.

און וויבאלד אז דער צער האט גארניט מוסיף געווען אין שבח הפעולה, דער זעלבער שבח האט געקענט זיין דורך א פעולה וואס איז ניט פארבונדן מיט קיין צער (ווארום אויב ס'איז צוגעקומען שבח דורך דעם צער, איז דער שכר וואס מ'גיט אים אויף דערויף ניט "לפום צערא", נאר לויט דעם שבח וואס איז דערפון ארויסגעקומען) - איז פארשטאנדיק, אז דער שכר וואס איז "לפום צערא", איז מערניט ווי מצד גדרי המקבל (מצד דערויף וואס דער אדם העובד האט געהאט אין דערויף צער), און ניט מצד גדרי הנותן, ווארום אין דעם שימוש לקונו איז גארניט צוגעקומען דורך דעם צער.

מ. עפ"ז וועט מען פארשטיין די שייכות פון "לפום צערא אגרא" צו כללות הענין פון מסכת אבות, וואס עינינה איז "מילי דחסידותא":

דער כללות הענין פון "מילי דחסידותא", לפנים משורת הדין, איז שייך דוקא מצד גדרי המקבל (מצד אידן), ווארום מצד גדרי הנותן (דער אויבערשטער), איז וואס א איד זאל נאר טאן, איז דאס ניט קיין ענין פון "חסידותא", לפנים משורת הדין, נאר אזוי דארף זיין ע"פ דין,

ווארום וויבאלד דער אויבערשטער באשאפט אים בכל רגע ורגע מאין ואפס המוחלט, איז ער ראך ניט קיין מציאות בפ"ע, נאר כל מציאותו איז - דער וואס איז אים מהוה ברגע זה ממש, ביז וואנעט אז "כאן דמחוה במהוג קמי בלכא" ווערט ער אויס מציאות[17] - איז פארשטאנדיק, אז וויפל ער זאל נאר טאן, איז דאס ניט קיין ענין פון "חסידותא" - דאס איז אלץ ע"פ דין.

דוקא מצד גדרי המקבל, איז שייך מחלק זיין און זאגן אז ס'זיינען דא ענינים וואס מ'איז מחוייב צו טאן ע"פ דין, און ס'זיינען דא ענינים וואס ע"פ דין איז מען ניט מחוייב זיי צו טאן, נאר ס'איז אן ענין וואס איז לפנים משורת הדין, "מילי דחסידותא".

- המשך יבוא -

---

17) ראה הגיגה ה, ב.

הנחת הת' בלתי מוגה

[דערמיט ווערט מען אויך פארשטיין דאס וואס מסכת אבות הויבט זיך אן מיט "משה קבל תורה מסיני", און ניט (ווי ס'האט לכאו' געדארפט שטיין) הקב"ה נתן תורה למשה בסיני:

וויבאלד אז דער כללות הענין פון "מילי דחסידותא" (וואס דאס איז ענינה פון מסכת אבות) איז שייך נאר מצד גדרי המקבל (א בן אדם), איז מען מדגיש אז אין תורה איז דא דער ענין וואס "משה קבל תורה מסיני", דער ענין פון מקבל התורה, וואס מצד גדרי המקבל [אפי' משה רבינו וואס ער האט טאקע געזאגט "ונחנו מה"[177], איז ער אבער פארט א נברא, א בן אדם, בן עמרם וכו'] איז שייך דער כללות הענין פון "מילי דחסידותא"].

און דאס איז אויך די שייכות פון "לפום צערא אגרא" מיט פרקי אבות, "מילי דחסידותא":

דער כללות ענין השכר, איז דאך פארבונדן מיט גדרי המקבל, ובפרט ווען עס רעדט זיך וועגן "לפום צערא אגרא" - דער שכר וואס קומט מערניט ווי אויפן ענין הצער,(אע"פ אז דורך דעם צער איז ניט צוגעקומען אין שבח הפעולה), וואס דער שכר איז נאר מצד גדרי המקבל, ווארום מצד גדרי הנותן איז דאך גארניט צוגעקומען אין דעם שימוש לקונו דורך דעם צער.

און דערפאר איז דער ענין פון "לפום צערא אגרא" פארבונדן מיט מסכת אבות - וויבאלד אז דער כללות הענין פון "מילי דחסידותא" איז שייך נאר מצד המקבל (כנ"ל בארוכה).

מא. אין דערויף קומט צו נאך א פרט - אז דאס וואס מ'גיט שכר "לפום צערא" (דער שכר וואס מ'גיט פארן צער אליין, אפי' ווען דורך דערויף קומט גארניט צו אין דער פעולה) איז אן ענין פון "מילי דחסידותא":

בנוגע צו אן אומן איז דא דער דין[178] אז אויב דער אומן האט משנה געווען דערפון וואס דער בעה"ב האט אים געהייסן טאן, איז אלעמאל ידו על התחתונה: אויב דער שבח איז מער פון דער הוצאה, גיט ער אים נאר די הוצאה, און אויב די הוצאה איז מער פון דעם שבח, גיט ער אים נאר דעם שבח.

וואס עפ"ז איז לכאו' ניט פארשטאנדיק:

פארוואס זאל מען געבן שכר "לפום צערא", מערניט פאר דעם צער אליין - אין דער כלי איז דאך גארניט צוגעקומען (ווארום אויב ס'איז צוגעקומען, איז דער שכר ניט "לפום צערא", נאר לויטן שבח וואס עס איז צוגעקומען), ס'איז

- מערניט -

----

177) פרשתנו טז, ז. 178) ב"ק ק, ב. טוש"ע חו"מ סש"ו ס"ג.

הנחת הת' בלתי מוגה

מערניט וואס ער האט געהאט צער, איז פארוואס דארף מען אים געבן שכר?

איז דער ביאור בזה:

די גמרא[179] דערציילט אז "תברו לי׳ הנהו שקולאי חביתא דחמרא", און אעפ"כ, וויבאלד זיי האבן גע׳טענה׳ט אז "טרחינן כולה יומא וכפינן ולית לן מידי", האט מען געהייסן "זיל הב אגרייהו", דערפאר וואס עס דארף זיין "למען תלך בדרך טובים וארחות צדיקים תשמור"[180], עס דארף זיין א הנהגה אין אן אופן פון לפנים משורת הדין[181].

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז מצד דעם אופן ההנהגה פון "מילי דחסידותא", דארף מען געבן שכר אפי׳ ווען אין דער פעולה איז אינגאנצן ניט געווען קיין שבח - "לפום צערא אגרא" *.

און וויבאלד אז "מגיד דבריו ליעקב חוקיו ומשפטיו לישראל"[183] - פירט זיך אויך דער אויבערשטער אין אזא אופן, אז ער גיט שכר "לפום צערא", אע"פ אז דורך דעם צער איז גארניט צוגעקומען אין דער פעולה.

כב. דער ענין פון "לפום צערא אגרא" ווערט ארויסגעבראכט דורך א גר דוקא, "בן הא הא", ווארום דוקא ביי א גר איז מודגש דער חידוש אז ס׳איז דא "אגרא" (שכר) אויף אן ענין של צער וואס איז ניט פארבונדן מיט פעולת המצוה - אן ענין וואס איז פארבונדן נאר מיט גדרי המקבל, און ניט מיט גדרי הנותן.

ווען עס רעדט זיך וועגן אידן, בני אברהם יצחק ויעקב, איז דער צער וואס ער האט אין קיום המצוה פארבונדן מיט דער מצוה אליין, ווארום דאס גופא איז דער ציווי הקב"ה, אז ער זאל מקיים זיין די מצוה אפי׳ ווען ס׳איז פארבונדן מיט אן ענין של צער: דאס גופא וואס ער איז מקיים די מצוה ניט

- קוקנדיק -

----

*) החידוש שבגמרא שצ"ל ההנהגה ד"ארחות צדיקים תשמור" לגבי מאמר המשנה "לפום צערא אגרא" - כי מנהג הקב"ה (שנותן שכר "לפום צערא"), איננו מוכרח כלל שמחוייב בזה בנ"א בכל פרטיו ממש (וע"ר מחז"ל עה"פ מי הקדימני ואשלם[182]).

----

179) ב"מ פג, א. 180) משלי ב, כ. 181) פרש"י ד"ה בדרך טובים - ב"מ שם. וראה טור חו"מ סד"ש בהלהו. טו"ע אדה"ז הל׳ מציאה ופקידות סי"ט. 182) איוב מא, ג. ויק"ר פכ"ז, ב. 183) תהלים קמז, יט. וראה שמו"ר פ"ל, ט.

קוקנדיק אויפן צער, איז אן ענין פון "לשמש את קוני" - און ווען א איד טוט דאס, איז אין דערויף ניטא קיין חידוש, ווארום ענינו איז אז "אני נבראתי לשמש את קוני".

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז ביי א אידן, איז אפי' אן ענין של צער וואס איז גארניט מוסיף אין דער פעולה - אויך פארבונדן מיט גדרי הנותן, ווארום דורך דערויף איז ער מקיים דעם ציווי פון דעם אויבערשטן,

ד.ה. ניט נאר וואס דער צער איז מוסיף אויף פעולת המצוה, נאר נאכמער: דערמיט איז ער מקיים א ציווי פון דעם אויבערשטן (ער זאל מקיים זיין די מצוה ניט קוקנדיק אויפן צער) - איז דאס פאדבונדן (אויך) מיט גדרי הנותן (ניט קיין ענין וואס איז פארבונדן נאר מיט גדרי המקבל, דערפאר וואס אין דעם שימוש לקונו (גדרי הנותן) איז גארניט צוגעקומען).

ווען עס רעדט זיך אבער וועגן א גר, האט דאך אים קיינער ניט מכריח געווען ער זאל אויף זיך אנעמען דעם גאנצן ענין פון "אני נבראתי לשמש את קוני", ס'איז ניטא קיין ציווי בתורה אויף א ניט איד ער זאל זיך מגייר זיין,

[ואדרבה, ווען איינער וויל זיך מגייר זיין, זאגט די גמרא[184] אז מ'דארף זיך משתדל זיין בכל ההשתדלות אויף אפרעדן אים דערפון],

איז דאך פארשטאנדיק, אז ווען ער איז זיך מגייר, האט ער גענומען אויף זיך אן ענין של צער אויף וועלכן ער איז ניט נצטוה געווארן, ווארום פריער איז ער געווען מחוייב מערניט ווי אין די שבע מצוות ב"נ, און ווען ער איז זיך מגייר, נעמט ער אן אויף זיך א חיוב מקיים זיין כל התורה כולה, ביז צום כללות הענין וואס "אני נבראתי לשמש את קוני" - א צער נוסף אין וועלכן ער איז ניט מחוייב.

און דערפאר ווערט דער ענין פון "לפום צערא אגרא" (אז ס'איז דא שכר אויף אן ענין של צער וואס איז פארבונדן נאר מיט גדרי המקבל) ארויסגעבראכט דורך א גר דוקא - ווארום א גר נעמט אן אויף זיך אן ענין של צער אויף וועלכן ער איז ניט נצטוה געווארן, וואס דאס איז אן ענין וואס איז פאר-בונדן נאר מיט גדרי המקבל, ווארום מצד הנותן איז ער אויף דערויף ניט נצטוה געווארן - איז אין דערויף מודגש דער חידוש פון "לפום צערא אגרא", אז ס'איז דא דער שכר וואס איז נאר מצד גדרי המקבל, און ניט מצד גדרי הנותן.

און דערפון ווי דאס איז ביי א גר, פארשטייט מען אויך

- בנוגע -

----

184) יבמות מז, א.

הנחה הה' בלתי מוגה

בנוגע צו א אידן - ווען עס רעדט זיך וועגן א הידור מצוה אין וועלכן ער איז ניט נצטוה געווארן, און אעפ"כ נעמט ער דאס אן אויף זיך, וואס דעמולט איז דאס אן ענין וואס איז נאר מצד גדרי המקבל, ווארום ער איז אויף דערויף ניט נצטוה געווארן - אז אין דערויף איז דא דער חידוש פון "לפום צערא אגרא" (אז ס'איז דא שכר וואס איז פארבונדן נאר מיט גדרי המקבל).

מג. האמור לעיל (אז ביי א גר איז דא דער ענין וואס ער נעמט אן אויף זיך אן ענין אין וועלכן ער איז ניט נצטוה געווארן) איז אויך דער פירוש אין א מדרש תמוה וועגן רות:

אויף דעם וואס בועז האט געזאגט צו רות "ישלם ה' פעלך ותהי משכורתך שלמה גו' אשר באת לחסות תחת כנפיו"[185], שטייט אין מדרש[186] "ישלם ה' פעלך גו' מעם ה' א"ר חסא אשר באת לחסות תחת כנפיו".

וואס לכאו' איז ניט פארשטאנדיק: וואס איז דער ביאור וואס עס קומט צו אין מדרש - מער דערפון וואס ס'שטייט אין פסוק?

איז דער ביאור בזה[187]:

אין מדרש איז מען מבאר אז ס'וועט זיין דער "ישלם ה' פעלך וגו'" אויף דערויף וואס "באת לחסות תחת כנפיו", ד.ה. אז נוסף אויף דערויף וואס זי וועט האבן שכר אויף קיום כל המצוות אין וועלכע זי איז נתחייב געווארן נאך דערויף וואס זי איז נתגייר געווארן, וועט זי האבן א שכר מיוחד אויף דערויף וואס "באת לחסות תחת כנפיו", וואס אויף דערויף האט זי דאך ניט געהאט קיין ציווי.

מד. אין דערויף קומט נאך צו א חידוש נפלא:

דאס וואס א גר נעמט אן אויף זיך א צער נוסף, אין וועלכן ער איז ניט נצטוה געווארן (וואס דערפאר איז ביי אים דוקא מודגש דער ענין פון "לפום צערא אגרא"), איז ניט נאר בנוגע לכל התורה כולה (וואס פריער איז ער ניט געווען מחוייב מקיים זיין כל התורה כולה), נאר אויך בנוגע צו די שבע מצוות ב"נ (אע"פ אז אין דערויף איז ער געווען מחוייב אויך איידער ער איז נתגייר געווארן).

והביאור בזה:

כ'זאגט דאך[188] אז "גדול המצווה ועושה יותר משאינו

- מצווה -

---

185) רות ב, יב. 186) רות רבה פ"ה, ד. 187) ראה גם לקו"ש בהעלותך תשל"ו הע' 29. 188) ע"ז ג, א. וש"נ.

הנחה הת' בלתי מוגה

מצווה ועושה". וואס לכאו׳ איז ניט פארשטאנדיק: ביידע טוען דאך די זעלבע זאך, דעם זעלבן שבח כלי, איז פארוואס זאגט מען אז "גדול המצווה ועושה יותר משאינו מצווה ועושה"?

איז תוס׳[189] מבאר, אז בא דעם וואס איז מצווה, טוט זיך אן דער יצה"ר אויף צו מבלבל זיין אים און ניט צולאזן מקיים זיין די מצוה, משא"כ בא דעם וואס איז איננו מצווה, וואס אים איז דער יצה"ר ניט מבלבל - און דערפאר איז "גדול המצווה ועושה יותר משאינו מצווה ועושה", דערפאר וואס דער "מצווה ועושה" האט צער דערפון וואס ער דארף מלחמה האבן מיטן יצה"ר.

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז ווען א גר איז זיך מגייר, נעמט ער אן אויף זיך א צער אין וועלכן ער איז ניט נצטוה געווארן, אויך בנוגע צו די שבע מצוות ב"נ, ווארום:

אע"פ אז קודם שנתגייר דארף ער אויך מקיים זיין די שבע מצוות ב"נ דערפאר וואס "צוה בהן הקב"ה בתורה והודיענו ע"י משה רבינו כו׳" (ווי געבראכט פריער (ס"כ) דעם פס"ד הרמב"ם) - איז דאך אבער פארשטאנדיק, אז ס׳איז ניט דומה דער אופן הציווי פון די שבע מצוות ווי ס׳איז קודם שנתגייר (א ציווי צו א גוי), לגבי ווי דאס איז לאחרי שנתגייר (א ציווי צו א אידן)[190].

און וויבאלד אז דער ציווי פון אידן מקיים זיין די שבע מצוות איז באופן נעלה יותר, איז פארשטאנדיק אז דער קיום הציווי איז פארבונדן מיט א גרעסערן ענין של צער, ווארום בא דעם וואס איז "מצווה ועושה" איז דא אן ענין של צער דערפון וואס ער דארף מלחמה האבן מיטן יצה"ר - איז דאך פארשטאנדיק, אז וואס דער ציווי איז באופן נעלה יותר, איז דאס מער פארבונדן מיט אן ענין של צער.

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז ווען ער איז זיך מגייר, נעמט ער אן אויף זיך מקיים זיין די שבע מצוות ב"נ אין אן אופן של צער ווי ס׳איז ביי א אידן, וואס דאס איז א גרעסערע צער דערפון ווי ס׳איז געווען איידער ער איז נתגייר געווארן.

מה. דער ביאור השייכות פון דער מאמר "הפך בה והפך בה דכולא בה כו׳" מיט א גר דוקא, וואס דערפאר האט דאס געזאגט "בן בג בג":

- דער -

---

189) ד"ה גדול - ע"ז שם. וראה ט"ז יו"ד סרכ"ו סק"ג. ש"ך שם סק"ז. וראה גם תוד"ה גדול - קידושין לא, א.

190) ראה לקו"ש ח"ה ע׳ 159 ואילך.

דער ענין פון לימוד התורה איז דא אויך ביי א בן נח (נאר במצוות דידהו[191]), ביז וואנעס אז די גמרא[192] זאגט אז ווען איינער פון אוה"ע לערנט תורה, איז ער "ככהן גדול" (וואס א כה"ג איז "נכנס לפני ולפנים").

ס'איז אבער דא א תילוק צווישן דעם לימוד התורה פון א ב"נ מיטן לימוד התורה פון א אידן (אפי' אין מצוות דידהו) - בנוגע צו דעם ענין פון "הפך בה והפך בה כו'":

דאס וואס א ב"נ איז מחוייב אין לימוד התורה (אין מצוות דידהו), איז נאר כדי ער זאל וויסן ווי צו מקיים זיין די מצוות אין וועלכע ער איז נצטוה געווארן, ער זאל וויסן "את המעשה אשר יעשון" און "אשר לא תעשינה" - בנוגע צו זיינע שבע מצוות;

אבער נאך דערויף וואס ער האט געלערנט כל התורה כולה (פון מצוות דידהו), און ער ווייסט שוין ווי צו מקיים זיין די שבע מצוות (מיט אלע ענינים וועלכע ווערן נסתעף פון די שבע מצוות), האט ער ניט קיין ציווי אויף לימוד התורה.

ד.ה. דער חיוב פון לימוד התורה ביי א ב"נ, איז מעדנים אלס אן ענין פון הכשר מצוה, אז דורך דערויף וואס ער וועט לערנען די הלכה, וועט ער וויסן ווי אזוי צו מקיים זיין איר [און דאס איז אזא גרויסער ענין, ביז וואנעט אז ער איז "ככהן גדול", וואס א כה"ג איז "נכנס לפני ולפנים"]; אבער דער ענין פון "הפך בה והפך בה כו'", א חיוב אויף לימוד התורה מצ"ע, אפי' נאך דערויף וואס ער האט שוין געלערנט כל התורה כולה, זאל זיין "הפך בה והפך בה" - אזא חיוב איז ניטא ביי א ב"נ.

דעדפון איז פארשטאנדיק, אז דער <u>חידוש</u> פון "הפך בה והפך בה", איז מודגש ביי א גר דוקא:

ווען א איד לערנט הורה "מאה פעמים ואחת"[193], אפי' נאך דערויף וואס ער האט שוין געלערנט און ער ווייסט כל התורה כולה[194], און דורך דעם לימוד וועט אים (לכאו') גארניט צוקומען אין <u>ידיעת</u> התורה - איז אין דערויף ניטא קיין חידוש, ווארום ווען ער איז מקיים דעם "הפך בה והפך בה", איז ער מקיים די מצוה פון לימוד התורה, פונקט ווי דאס איז ווען ער לערנט דאס צום ערשטן מאל.

אבער ביי א גר קומט צו דער <u>חידוש</u> פון "הפך בה והפך בה", ווארום איידער ער האט זיך מגייר געווען, האט ער

- געהאט -

---

191) בנהדרין נט, א. 192) שם. וש"נ. 193) ראה חגיגה ט, ב. 194) ראה מנחות צט, ב.

הנחה הת' בלתי מוגה

געהאט דעם חיוב פון לימוד התורה מערניס ווי אויף צו קענען מקיים זיין די שבע מצוות, ביי אים איז אבער ניט געווען דער ענין פון לימוד התורה אין אן אופן פון "הפך בה והפך בה"; און נאך דערויף וואס ער האט זיך מגייר געווען, איז ביי אים צוגעקומען דער חידוש פון לימוד התורה אין אן אופן פון "הפך בה והפך בה כו׳".

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז דוקא א גר האט מרגיש געווען דעם ענין פון "הפך בה והפך בה", דערפאר וואס ביי אים איז דאס א חידוש וואס איז מודגש בכל יום ויום, ווארום דורך דערויף וואס ער האט זיך מגייר געווען, ניט האבנדיק קיין ציווי צו מגייר זיין זיך, האט ער גענומען אויף זיך דעם ענין פון "הפך בה והפך בה", וואס פריער איז דאס ביי אים ניט געווען,

[ע"ר ווי גערעדט פריער (סמ"ב) אז דורך דערויף וואס ער האט זיך מגייר געווען, האט ער גענומען אויף זיך אן ענין של צער, און דערפאר איז ער מדגיש דעם ענין פון "לפום צערא אגרא"],

און דערפאר האט דוקא "בן בג בג" (וואס ער איז געווען א גר) מרגיש געווען און מגלה געווען דעם ענין פון "הפך בה והפך בה", כולל אויך די פירושים שבזה, ווי דער רבי נ"ע ברענגט אראפ אין המשך תרס"ו[195] פון כתבי האריז"ל.

מו. עפ"ז איז אויך פארשטאנדיק דער קשר פון "הפך בה והפך בה כו׳" און "לפום צערא אגרא", מיט התחלת המסכת - "משה קבל תורה מסיני":

די גמרא זאגט אין יבמות[196], אז בא מ"ת איז געווען דער ענין הגירות פון יעדער אידן און פון אלע אידן, וואס "גר שנתגייר כקטן שנולד דמי"[197].

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז בשעת מ"ת (ווען "משה קבל תורה מסיני") זיינען אידן געווארן בדוגמת "בן בג בג" און "בן הא הא" - זיי זיינען געווארן גרים, און פון דעמולט אן האט זיך בא זיי אנגעהויבן דער ענין פון "הפך בה והפך בה" און דער ענין פון "לפום צערא אגרא"; דאס גופא איז "משה קבל תורה מסיני ומסרה כו׳" - כולל אויך דעם ציווי און הלכה פון "הפך בה והפך בה כו׳" און "לפום צערא אגרא"[198].

- מז. -

----

195) ע׳ תיז. 196) מו, א ואילך. 197) שם כב, א.
198) המשך ההדרן - ראה שיחת מוצאי ש"פ בשלח, י"ג שבט, שיחה ליל ט"ו בשבט.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

מז. כמדובר כמ"ש אז "שמו אשר יקראו לו בלה"ק" איז פאר-בונדן מיטן חיות און תוכן הדבר - וואס די גאנצע מסכת ווערט אנגערופן בשם "אבות".

וואס דער ענין פון אבות איז - אז "מעשה אבות סימן לבנים"[199], און ווי חסידות[200] טייטשט אפ, אז דער ענין פון "מעשה אבות", טרעט דורך די וועג און גיט כח און מאכט לייכטער די עבודה פון די "בנים", אז זיי זאלן אויך גיין בדרך זו.

ביז ווי רש"י טייטשט אפ אויפן פסוק[201] "הארץ אשר אתה שוכב עלי'", אז "קיפל הקב"ה כל א"י תחתיו", וואס דורך דערויף איז געווארן דער "נוחה ליכבש לפניו", און דורך דערויף האט יעקב קונה געווען גאנץ א"י לבניו אחריו, עד סוף כל הדורות[202].

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז די אלע ענינים וואס שטייען אין מסכח אבות, ווערן נמשך צו די "בנים" אין אן אופן פון ירושה, און אין אן אופן אז ער איז עומד במקום המוריש ממש[203], "תחת אבותיך יהיו בניך"[204], אז די "בנים" זיינען אזוי ווי די "אבות", וואס וועגן זיי רעדט זיך אין גאנץ מסכת "אבות".

מח. און פון דעם ענין וואס "משה קבל תורה מסיני", קומט מען צו דערנאך צו לימוד תורתו של משיח (וואס "גואל אחרון" - משיח, איז דער "גואל ראשון" - משה רבינו[205]), וואס דעמולט וועט זיין דער ענין פון לימוד התורה (אויך דאס וואס "משה קבל תורה מסיני") בשלימות.

און דעמולט וועט אויך צוקומען דער ענין פון "לפום צערא אגרא":

מצד דעם ענין הצער וואס איז געווען אין דעם זמן שבינתיים, ובפרט אין דעם זמן פון עקבתא דמשיחא, און דער חושך כפול ומכופל פון גלות זה - באקומט מען דעם שכר האמיתי, אז עס ווערט דער "ישיגו דעת בוראם", ווי דער רמב"ם איז מסיים ספרו "משנה תורה" און "יד החזקה",

ביז צום שכר הכי עליון - אז בורא מיט נברא ווערן

- איין -

----

199) ראה רמב"ן לך לך יב, ו. וראה ב"ר פ"מ, ו.
200) ראה אוה"ת ר"פ לך לך. 201) ויצא כח, יג. 202) ראה שיחת מוצאי ש"פ ויצא ש.ז. סל"א. 203) ראה צפע"נ מילואים יג, א. ועוד. 204) תהלים מה, יז. וראה ב"ב קנט, א.
205) ראה שמו"ר פ"ב, ד. זח"א רנג, א. תו"א ר"פ משפטים.

איין מציאות, אז דורך "אורייתא" ווערן "ישראל וקוב"ה כולא חד"[206], וואס דאס איז דאך תכלית השלימות אין דעם ענין השכר.

און דער ענין קומט אראפ דא למטה, אין אן ארט וואס איז פארבונדן מיט "צערא" - וואס צער איז איין פארבונדן מיטן לשון "צר" - אן ארט וואס איז היפך המרחב - ווערט דארטן דער ענין פון "אגרא", וואס "אגרא" איז אויך די אותיות פון "איגרא רמה".

ביז וואנעט אז מ'קומט צו צו דער דרגא וואס איז נאך העכער פון דעם גאנצן מציאות השכר, און העכער פון כללות הענין פון "בירא" און "איגרא".

און ווי גערעדט פריער (בהמאמר) דאס וואס ער איז מבאר אין דעם מאמר פון יום ההילולא[207], אז דורך דעם ענין פון "עצי שטים עומדים"[208], איז מען מאחד דעם תחתון מיטן עליון, ביז אין אן אופן אז זיי ווערן לאחדים,

ביז אז עס ווערט דער ענין פון "ועמדו רגליו ביום ההוא גו'"[209] - בקרוב ממש, בביאת משיח צדקנו.

צוה לנגן ניגון "הבינוני".

* * *

*   *   *

יד. בהמשך להאמור לעיל (ס"א) אז די התוועדות איז בהמשך צו דער התוועדות פון יו"ד שבט - איז כאן המקום משלים זיין עכ"פ א חלק פון די נקודות וואס זיינען ניט נתבאר געווארן אין דער התוועדות שלפנ"ז (ווי ס'איז אויך געווען דער מנהג אשתקד) - אנהויבנדיק פון דעם סיום אויף מסכת אבות.

וואס מסכת אבות האט א שייכות מיוחדת צו שבת (ובמילא - אויך צו מוצאי שבת):

דער רמב"ם[62] זאגט אז דער ענין פון מסכת אבות איז "מוסר הדיינין" - ענינים של מוסר וועלכע זיינען נוגע במיוחד צו דיינים [דאס איז טאקע שייך לכל אחד ואחת מבנ"י, אזוי ווי כל התורה כולה, אבער במיוחד איז דאס נוגע צו דיינים, ווי דער רמב"ם איז דארטן מבאר דעם טעם הדבר].

און א דיין ווערט אנגערופן "שבת" - במכש"כ וק"ו דערפון וואס א ת"ח סתם ווערט אנגערופן "שבת".

און ס'איז אויך ידוע דער מנהג אז דער לימוד פון פרקי אבות איז נקבע געווארן אויף שבת - לאחר מנחה, און קרוב צו מלוה מלכה, וואס דאס איז אלץ פארבונדן מיט די ענינים פון שבת.

טו. החחלת מסכת אבות איז אויך פארבונדן מיט שבת:

- די -

----

62) בהקדמתו לפיהמ"ש ד"ה והחלק הששי.

די התחלה פון מסכת אבות איז "משה קבל תורה מסיני", וואס דאס איז פארבונדן מיט שבת, ווארום "דכו"ע בשבת ניתנה תורה"[63].

עד"ז איז דער סיום פון מסכת אבות פארבונדן מיט שבת:

אין סיום מסכת אבות שטייט "לפום צערא אגרא" - וואס דאס איז פארבונדן מיט כללות הענין פון שבת, ווארום "מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת"[64]; וואס דער "טרח בערב שבת" (וואס "ערב שבת" איז כולל כל ששת ימי השבוע) איז גרעסער, איז אלץ גדעסער דער "יאכל בשבת", וואס דאס איז דער ענין פון "לפום צערא ("טרח בערב שבת") אגרא ("יאכל בשבת")".

עד"ז איז דער סיום פון דער ברייתא פון "קנין תורה" (וועלכע מ'איז מצרף צו פרקי אבות - ווי מ'זעט דאס אויך אין דעם אלטן רבי'נס סידור) - אויך פארבונדן מיט שבת:

אין דעם סיום פון פרק "קנין תורה" שטייט: "כל מה שברא הקב"ה בעולמו לא בראו אלא לכבודו שנאמר[65] ולכבודי בראתיו יצרתיו אף עשיתיו, ואומר[66] ה' ימלוך לעולם ועד".

וואס דער ענין שטייט בגלוי אין שבת, ווארום בשבת זיינען ניטא קיינע ענינים פון "עובדין דחול", און דעמולט איז ניטא דער ענין פון רשות הרבים, מערניט ווי רשות היחיד,

און ווי מ'זעט בפשטות, אז בשבת טוען זיך אפ אלע ענינים פון א אידן (אכילתו ושתיתו ושינתו וטיולו וכו') אין רשות היחיד דוקא;

אפי' "זבולון בצאתך"[67], וואס במשך כל ימות החול געפינט ער זיך אין רה"ר (ניט ווי "יששכר באוהליך"[67] - אין רשות היחיד) - איז ווען עס קומט שבת, זאגט מען "ממצוא חפצך ודבר דבר"[68] - דעמולט דארף ער זיין אין רשות היחיד דוקא,

בכללות - ווערן אידן איינגעטיילט אין צוויי סוגים:

"יששכר באוהליך" - וואס דאס איז א ת"ח, וואס ער ווערט אנגערופן "שבת", און כל ענינו איז אז ער געפינט זיך "באוהליך" - אין רשות היחיד;

און "זבולון בצאתך", וואס במשך כל ימות החול געפינט ער זיך אין רה"ר - אבער דער "טרח בערב שבת" (ווען ער איז אין רה"ר) איז נאר א <u>הכנה</u> צו שבת, כדי אז בשבת זאל ער זיין "באוהליך".

- וואס -

----

63) שבת פו, ב. 64) ע"ז ג, א. 65) ישעי' מג, ז.
66) פרשתנו טו, יח. 67) ל' הכתוב - ברכה לג, יח.
68) ישעי' נח, יג.

<u>הנחה הח' בלתי מוגה</u>

וואס דאס איז נוסף לזה וואס אויך ווען ער געפינט זיך "בצאתך" (אין רה"ר), איז דורך דערויף וואס ער איז תומך אין "יששכר באוהליך" - האט ער א חלק אין דעם לימוד התורה פון יששכר[69] (וואס ער איז "באוהליך" - רשות היחיד), און ווי גערעדט אין דער פריערדיקער התוועדות[70], אז ער באקומט שכר ניט נאר אלס א תומך אין תלמידי חכמים, נאר זיין שכר איז אלס א לומד תורה בעצמו, כמבואר אין פוסקים אין נגלה[71],

און וויבאלד אז שבת איז פארבונדן מיט דעם ענין פון רשות היחיד, וואס דאס איז דער ענין פון "יחידו של עולם"[72] - איז פארשטאנדיק, אז דעמולט שטייט בגילוי דער ענין פון "ה׳ ימלוך לעולם ועד".

וואס דערפון איז פארשטאנדיק די שייכות פון דעם סיום פון פרק "קנין תורה" מיט שבת.

און דער כללות הענין פון סיום מסכת אבות איז פארבונדן מיט דער התוועדות - וויבאלד אז די התוועדוה איז דער סיום פון דער התוועדות פון יו"ד שבט.

טז. אין דעם סיום זיינען נתבאר געווארן כמה נקודות כלליות -

האט מען אבער גערעדט כמ"פ אז אע"פ אז דער מנהג בנוגע צו א "הדרן" איז, אז מ׳איז מבאר נאר ענינים כלליים, און מ׳איז ניט אזוי מדייק אין פרטי הדברים - איז אבער פארשטאנ-דיק, אז ס׳איז ניט קיין "מנהג ישראל תורה הוא"[73] וועלכן מ׳טאר ניט משנה זיין, במילא טאר מען ניט מדייק זיין אין פרטי הדברים, נאר אדרבה: מהנכון איז אז מ׳זאל מדייק זיין אויך אין פרטי הדברים.

ווארום עס רעדט זיך דאך וועגן "תורה אמת", וכמדובר כמ"פ בארוכה אז אין אן ענין פון "אמת" מוז יעדער פרט זיין אמת, און בשעת אז ס׳איז דא א חוט השערה וואס איז ניט אמת, איז דאס מבלבל דעם גאנצן ענין האמת.

וואס דאס איז אויך מרומז אין דעם ווארט "אמת" - ווי עס שטייט אין ירושלמי[74] אז דער ענין פון "אני ראשון ואני אחרון ומבלעדי אין אלקים"[75] איז פארבונדן מיט דעם ענין פון "אמת" - ווארום דער אות אל"ף (פון "אמת") איז דער ראשון שבאותיות, און דער אות תי"ו (פון "אמת") איז דער אחרון

- שבאותיות -

----

69) ראה פרש"י עה"פ ברכה שם. ויק"ר פכ"ה, ב. הל׳ ת"ת לאדה"ז פ"ג ס"ד. 70) שיחה יו"ד שבט סכ"ז. 71) רמ"א יו"ד סרמ"ו ס"א. 72) ראה איה"ת נ"ך ע׳ תכה. ובכ"מ. 73) הוד"ה נפסל - מנחות כ, ב. 74) סנהדרין פ"א ה"א. 75) ישעי׳ מד, ו.

שבאותיות, און דער אות מ"ם (פון "אמת") איז דער אמצע פון די אותיות (וועז מ'רעכנט אויך די אותיות הכפולות - מנצפ"ך),

וואס דאס באווייזט אז דער ענין פון "אמת" איז - אז אומעטום איז דאס "אמת", סיי ביים אנהויב, סיי אינמיטן, און סיי צום סוף**,

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז יעדער פרט פון "תורת אמת" איז מדויק בתכלית הדיוק, וויבאלד אז דאס איז א חלק פון "תורת אמת".

יז. זיינען דא כמה פרטים אין דעם סיום פון מסכת אבות - וואס זיינען לכאו' ניט פארשטאנדיק:

א) מ'האט געברא‌כט דעם ביאור המפרשים** וועגן די נעמען "בן בג בג" און "בן הא הא", אז זיי זיינען געווען גרים, און מפני אימת המלשינים האט מען זיי געראפט געבן אנדערע נעמען, האט מען מרמז געווען אין זייערע נעמען אז זיי זיינען גרים - ווארום דער "הא" פון "בן הא הא" איז פאר-בונדן מיט אברהם ושרה וואס מ'האט מוסיף געווען א ה"א בשמם, און די אותיות "בג" פון "בן בג בג" זיינען בגימט' ה"א.

דארף מען פארשטיין: דער צירוף פון "גב" איז אויך בגימט' ה"א, איז פארוואס האט מען אים גערופן "בן בג בג (דער צירוף פון "בג" דוקא), און ניט "בן גב גב" (דער צירוף פון "גב")?

ב) אויף מרמז זיין אז זיי זיינען גרים, איז גענוג אז מ'זאל זיי רופן "בן הא" און "בן בג" - פארוואס רופט מען זיי אן "בן הא הא" און "בן בג בג" (צוויי מאל "הא", און צוויי מאל "בג")?

מפרשים** פארענטפערן, אז וויבאלד מ'האט מוסיף געווען א ה"א סיי צו אברהם און סיי צו שרה [ניט "אברם", נאר "אברהם", "אב המון גוים"**, ועד"ז ניט "שרי", נאר "שרה"**] - דערפאר זאגט מען "בן הא הא", צוויי מאל ה"א, און "בן בג בג", צוויי מאל די גיכט' פון ה"א - כנגד דעם ה"א פון אברהם און דער ה"א פון שרה.

העלפט אבער דער אויבערשטער אז ס'איז דא א צווייטע גירסא: ס'איז דא א גירסא** וואס דארטן שטייט "בן האהא" און "בן בגבג" אין איין ווארט,

- די -

----

76) ראה גם לקו"ש ח"ב ע' 305 77) מד"ש לאבות כאן בשם הרשב"ם - הובא בתוי"ט כאן. 78) ראה מד"ש שם. 79) לך לך יז, ה. 80) שם, טו. 81) פיהמ"ש להרמב"ם הוצאת הרב קאפח.

הנחת הת' בלתי מוגה

[די גירסא וואס דער אלטער רבי ברענגט אראפ בסידורו איז "בן הא הא" און "בן בג בג" (אין צוויי ווערטער),

וואס ס'איז קרוב לומר אז דער אלטער רבי האט מדייק געווען אז ס'זאל שטיין "בן הא הא" און "בן בג בג" - אע"פ וואס דער דיוק איז ניט אזוי בפשטות אזוי ווי אלע אנדערע דיוקים, ווארום ס'איז ניט ברור צי דער אלטער רבי האט נאר געהייסן אז מ'זאל נעמען דעם נוסח פון פרקי אבות ווי דאס איז לויט דער גירסא, אדער אז ער האט אויך מוסיף געווען אז מ'זאל מדייק זיין און שרייבן "בן הא הא" און "בן בג בג".

און אפי' אויב מ'וועט זאגן אז דער דיוק איז ניט פון דעם אלטן רבי'ן אליין - איז דאך אבער לפועל געדרוקט געווארן אין דעם אלטן רבי'נס סידור די גירסא "בן הא הא" און "בן בג בג" (אין צוויי ווערטער), און דער סידור איז דאך געדרוקט געווארן בחייו פון דעם אלטן רבי'ן, און ער האט דאס געזעהן, ועאכו"כ אז די נשיאים ממלאי מקומו האבן דאס געזעהן, און האבן געזעהן אז ס'שטייט די גירסא פון "בן הא הא" און "בן בג בג" (אין צוויי ווערטער) - איז דאס זיכער מדויק.

אבער אעפ"כ, אין כמה כתבי-יד איז דאך די גירסא "בן האהא" און "בן בגבג" - אין איין ווארט],

דארף מען האבן א פירוש וביאור אין דער גירסא וואו ס'שטייט "בן האהא" און "בן בגבג" - אין איין ווארט.

ג) פארוואס איז דער מאמר "הפך בה והפך בה" פארבונדן מיט "בן בג בג" דוקא, און דער מאמר "לפום צערא אגרא" - מיט "בן הא הא" דוקא?

וואס נוסף אויף דערויף וואס מ'האט גערעדט כמ"פ אז דער נאמען פון בעל המאמר איז פארבונדן מיט זיין מאמר [ביז ווי מ'האט גערעדט אמאל בארוכה[82] אז ס'זיינען דא תנאים וואס ווערן אנגערופן ע"ש דעם מאמר וואס זיי האבן אויפגעטאן און מחדש געווען אין תורה[83]] - קומט דא צו א דיוק נוסף:

בפשטות האט דער סדר אין דער משנה געדארפט זיין פריער "בן הא הא" און דערנאך "בן בג בג" - ווארום: פריער דארף מען ברענגען דעם נאמען אין וועלכן ס'איז אנגעצייכנט מער בגלוי אז דאס איז א גר - "בן הא הא", און ערשט דערנאך דעם נאמען אין וועלכן דאס שטייט מערניט ווי ברמז - "בן בג בג", א גימטריא פון ה"א;

- און -

----

82) שיחת מוצאי ש"פ קרח תשל"ח סי"ז. מוצאי ש"פ חקת תשל"ח ס"ל ובשוה"ג שם. 83) ראה תולדות תו"א (היימאן) ע' 800.

און ניט אין א סדר הפוך - אז פריער שטייט "בן בג בג" (די גימט' פון ה"א), און מ'זאגט אז דער טעם וואס מ'האט אים אזוי אנגערופן איז, דערפאר וואס מ'דארף איס אויסטיילן פון "בן הא הא" - ווען דער נאמען "בן הא הא" איז נאך ניט געבראכט געווארן אין דער משנה (עס ווערט ערשט געבראכט נאך "בן בג בג").

וואס אפי' אויב מ'וועט זאגן אז דער מאמר "הפך בה והפך בה" דארף שטיין פאר דעם מאמר "לפום צערא אגרא" - האט אבער דער נאמען "בן הא הא" געדארפט שטיין פאר דעם נאמען "בן בג בג";

מוז מען דאך זאגן אז ס'איז דא א קשר מיוחד צווישן דעם מאמר "הפך בה והפך בה" מיט "בן בג בג", און צווישן דעם מאמר "לפום צערא אגרא" מיט "בה הא הא".

יח. דערנאך קומט צו א שאלה כללית (וואס מ'האט געפרעגט) אין הלכה:

מ'האט גערעדט אין דער פריערדיקער התוועדות[84], אז דער חידוש אין "לפום צערא אגרא" איז, אז ס'איז דא אן ענין של שכר אויך אויפן צער וואס דער אומן (דער אדם העובד) האט געהאט, וואס אע"פ אז דער בעה"ב האט דערפון גארניט געהאט, ווארום דורך דעם צער איז גארניט צוגעקומען אין שבח הכלי, אעפ"כ, וויבאלד דער אומן האט געהאט צער, באקומט ער שכר פון דעם בעה"ב.

און מ'האט אויך מבאר געווען אז דער אויפטו איז מודגש בעיקר ביי א גר (וואס דערפאר האט דאס געזאגט א גר דוקא), ווארום:

די מציאות פון א אידן איז - אז "אני נבראתי לשמש את קוני"[85], מ'האט אים מלכתחלה באשאפן כדי ער זאל משמש זיין את קונו, און מ'האט אים באשאפן אין אן אופן פון נשמה בגוף, און אין דעם גוף זאל זיין א לב מיט חלל הימני און חלל השמאלי, און תפקידו פון דעם חלל השמאלי איז, מבלבל זיין דעם אידן פון עבודת ה' (כמבואר בכ"מ), וואס מנצח זיין אין דער מלחמה מיטן חלל השמאלי - איז אן ענין וואס איז פארבונדן מיט צער.

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז ביי א אידן איז דער צער ניט קיין דבר נוסף אין וועלכן ער איז ניט מחוייב (וואס דעמולט איז דא דער חידוש אז אע"פ אז דעם בעה"ב קומט

- גארניט -

---

84) שיחת יו"ד שבט סמ"א ואילך. 85) קידושין בסופה.

הנחת הת' בלתי מוגה

גארניט צו דערפון, וויבאלד אז ער איז אין דערויף ניט נצטווה געווארן, אעפ"כ גיט ער אים שכר), נאר דאס איז מלכתחלה ארייגעשטעלט געווארן אין תנאי העבודה (אז ער זאל טאן די עבודה אע"פ אז ס'איז פארבונדן מיט אן ענין של צער) - און וויבאלד אז ס'איז פארבונדן מיט דער עבודה אליין, איז ניטא קיין חידוש אז מ'גיט אויף דערויף שכר.

[מ'קען ניט זאגן אז דאס איז א ביאור אויף דעם וואס ס'איז דא א מצוה וואס שכרה איז מרובה יותר פון א צווייטע מצוה - וואס דער ביאור אין דערויף איז, אז די מצוה איז פארבונדן מיט מער צער, און די צווייטע מצוה איז פארבונדן מיט ווייניקער צער -

ווארום אין מסכת אבות, "מילי דחסידותא", איז מען ניט מבאר די חילוקים וואס זיינען דא אין שכר מצוות (פארוואס קומט מער שכר אויף א געוויסע מצוה) - וויבאלד אז דערפון קומט גארניט צו אין "מילי דחסידותא";

די משנה זאגט נאר אז מ'זאל וויסן אז "לפום צערא אגרא" (אז ס'איז דא שכר אויף אן ענין של צער אליין), וואס דורך דעם וועט צוקומען אין "מילי דחסידותא", אז ער וועט זיך ניט רעכנען מיטן צער, ווייסנדיק אז "לפום צערא" וועט אים צוקומען אין "אגרא".

- ס'איז טאקע אן ענין פון "שלא לשמה", אבער ווי גערעדט פריער בארוכה* אז דער סדר העבודה איז אז פריער איז די עבודה "שלא לשמה" - ביז אז ער וועט צוקומען צו דער עבודה "לשמה", וועט ער דערווייילע מוסיף זיין מער פון זיין רגילות, צוליב דעם ענין פון "לפום צערא אגרא"].

ביי א גר איז אבער דא דער חידוש פון "לפום צערא אגרא":

עס איז דאך ניטא קיין ציווי אז ער זאל זיך מגייר זיין, נאר ער האט דאס געטאן על דעת עצמו, און דורך דערויף האט ער גענומען אויף זיך אן ענין של צער אין וועלכן ער איז ניט געווען מחוייב - דער קיום פון כל התומ"צ.

און ווי גערעדט פריער בארוכה*, אז דורך דעם גיור האט ער גענומען אויף זיך א צער נוסף אפי' בנוגע צום קיום פון די שבע מצוות ב"נ - ווארום דער קיום המצווה בא דעם וואס איז "מצווה ועושה" איז פארבונדן מיט אן ענין של צער*, און וויבאלד אז דער ציווי אויף די שבע מצווה ווי ס'איז ביי א

- אידן -

----

86) שיחה הנ"ל סל"ד. 87) שם סכ"ד. 88) ראה הוד"ה גדול - ע"ז שם. וראה ט"ז יו"ד סרמ"ו סק"ג. ש"ך שם סק"ז. וראה גם הוד"ה גדול - קידושין לא, א.

אידן איז באופן נעלה יותר ווי ביי א ב"נ, איז פארשטאנדיק אז דורך דעם וואס ער איז זיך מגייר, קומט ביי איס צו אין די שבע מצוות ב"נ א צער נוסף (אין וועלכן עד איז ניט געווען מחוייב) וואס ער נעמט אויף זיך.

און אויף דערויף איז דא דער חידוש פון "לפום צערא אגרא" - אז אע"פ אז אין דעם שבח הכלי איז גארניט צוגעקומען, דער בעה"ב האט דערפון גארניט (ווארום ס'איז אן ענין אין וועלכן ער איז ניט נצטווה געווארן) - באקומט ער אבער שכר "לפום צערא אגרא", מצד דערויף וואס ביי איס איז געווען אן ענין של צער.

יט. האט מען געפרעגט אויף דערויף א שאלה אין הלכה:

דער דין[89] איז, אז ווען דער אומן טוט א זאך וואס דער בעה"ב האט איס ניט געהייסן טאן, איז בשעה ס'איז ניחא לי' צום בעה"ב, דארף ער איס באצאלן ניט נאר פאר דעם שבח, נאר אויך פאר דער הוצאה, אפי' ווען די הוצאה איז יתירה על השבח (אדער אויב דער שבח איז יתר על ההוצאה, באצאלט ער איס אויך פארן שבח), וויבאלד אז ס'איז ניחא לי'.

ובנוגע לענינננו: אע"פ אז ס'איז ניטא קיין ציווי ער זאל זיך מגייר זיין, איז דאך אבער זיכער ניחא לי' להקב"ה דאס וואס ער האט זיך מגייר געווען.

און ווי גערעדט אין דער פריערדיקער התוועדות בארוכה[90] דעם ביאור אין דאס וואס ס'שטייט אין מדרש[91] "ישלם ה' פעלך גו' ותהי משכורתך שלמה מעם ה'[92] א"ר חסא אשר באת לחסות תחת כנפיו" - אז דער צווייטער האלב פון פסוק איז א ביאור אויף דעם וואס "ישלם ה' פעלך ותהי משכורתך שלמה" - "אשר (דערפאר וואס) באת לחסות תחת כנפיו", אע"פ אז זי איז אין דערויף ניט געווען מחוייב, איז דאך דערפון פארשטאנדיק, אז ניחא לי' להקב"ה דערפון וואס א גר איז זיך מגייר.

וואס ע"פ האמור לעיל (אז ווען ס'איז ניחא לי' לבעה"ב, דארף ער באצאלן סיי פארן שבח און סיי פאר די הוצאה) קומט אויס אז ס'איז ניטא קיין חידוש אין דעם וואס א גר באקומט שכר אויף דעם וואס ער האט גענומען אויף זיך אן ענין של צער אין וועלכן ער איז ניט געווען מחוייב ("לפום צערא אגרא") - ווארום ס'איז ניחא לי' להקב"ה.

און ווי מ'זעט אז נאך איידער "בן הא הא" האט מחדש

- געווען -

---

89) ב"ק ק, ב. שו"ע חו"מ סש"ו ס"ג. 90) שיחה הנ"ל סמ"ג. 91) רות רבה פ"ה, ד. 92) רות כ, יב.

הנחת הת' בלתי מוגה

געווען אז "לפום צערא אגרא", שטייט שוין אין פסוק (און מבואר אין מדרש) אז ס'איז דא אן ענין של שכר אויף דעם וואס א גר איז זיך מגייר - "ישלם ה' פעלך ותהי משכורתך שלמה מעם ה' אשר באת לחסות תחת כנפיו"; און "בן הא הא" זאגט דאך ניט אז דאס איז דער פירוש פון פסוק, נאר ער זאגט דאס אלס א חידוש אין תושבע"פ.

איז ניט פארשטאנדיק: וואס איז דער חידוש אז א גר באקומט שכר אויף דעם וואס ער האט גענומען אויף זיך אן ענין של צער אין וועלכן ער איז ניט נצטווה געווארן ("לפום צערא אגרא") - עס איז דאך אן ענין וואס איז ניחא לי' להקב"ה?

כ. דערנאך קומט צו דער דיוק כללי - א "קלאץ קשיא" (כמדובר כמ"פ אז מנהג העולם ("עולם" מלשון העלם והסתר[93]) איז, אז אויף א "קלאץ קשיא" שטעלט מען זיך ניט):

ע"פ האמור לעיל אז דער ענין פון "לפום צערא אגרא" איז שייך ביי א גר דוקא - האט דאס געדארפט שטיין ניט אין מסכת אבות, נאר אין מסכת גרים (וואס דארטן רעדט זיך וועגן הלכות וואס זיינען פארבונדן מיט גרים)?

און וויבאלד אז מ'האט דאס אריינגעשטעלט אין מסכת אבות, און נאך אין דעם סיום וחותם פון מסכת אבות - איז פארשטאנדיק, אז דאס איז אויך שייך צו א אידן וואס איז מלכתחלה געבארן געווארן אלס בן אברהם יצחק ויעקב, און ער האט ניט קיין שייכות צו גרים.

עאכו"כ לויט דעם כלל[94] (וואס מ'האט דערמאנט אין דער פריערדיקער התוועדות[95]) אז "התורה על הרוב תדבר" - זעט מען דאך בפשטות אז צווישן בנ"י בכל דור ודור זיינען די גרים מערניט ווי א מיעוטא דמיעוטא,

[און די וואס ווילן זיך ניט פארלאזן אויף דעם וואס מ'זעט בפשטות - געפינט מען אין חסידות אז דער מיטעלער רבי[96] פרעגט אויף דעם מארז"ל[97] "לא הגלה הקב"ה את ישראל לבין האומות אלא כדי שיתוספו עליהם גרים" - היתכן אז אלע אידן זאלן זיך געפינען אין גלות צוליב א מספר מועט ביותר פון גרים וואס זיינען צוגעקומען במשך פון אלע דורות],

מוז מען דאך זאגן אז וויבאלד "התורה על הרוב תדבר", איז דער ענין פון "לפום צערא אגרא" נוגע אויך צו אידן

- וואס -

----

93) לקו"ת שלח לז, ד. ובכ"מ. 94) מו"נ ח"ג פל"ד.
95) הנ"ל - סו"ס לד. 96) הו"ח חיי שרה קכא, סע"ב ואילך.
97) פסחים פז, ב.

וואס זיינען ניט קיין גרים, וויבאלד אז זיי זיינען דער רוב צווישן אידן; דער ענין איז טאקע נתגלה געווארן דורך א גר, דאס האט אבער א שייכות אויך צו אידן וואס זיינען ניט קיין גרים.

ובפרט ע"פ המדובר לעיל (סס"ז) אז אין תורה זיינען אלע פרטים בדיוק - מוז מען דאך זאגן אז צו וועמען מ'האט געגעבן די תורה איז אויך בדיוק;

און מ'זאגט דאך[98] אז די גאנצע תורה איז געגעבן געווארן צו יעדער אידן באזונדער, וואס דערפאר שטייט[99] "אנכי ה' אלקיך" - לשון יחיד; און דעם אידן, וואס ער איז בן אברהם יצחק ויעקב (ניט קיין גר), האט מען געגעבן כל התורה כולה, כולל אויך די הוראה פון "הפך בה והפך בה", און "לפום צערא אגרא".

כא. והביאור בזה (עכ"פ בקיצור):

דער חילוק צווישן א אידן מיט א גר איז - אז ווען א איד טוט א גוטע זאך, איז ניט שייך צו זאגן אז ער האט משנה געווען דערפון וואס ער איז נצטווה געווארן (סיידן ווען ער טוט א זאך וואס איז היפך רצון ה'), ווארום אפי' ווען ער טוט אן ענין וואס איז לפנים משורת הדין - זיינען דאך דא לימודים וואס מ'לערנט אפ פון פסוקים אז עס דארף זיין די הנהגה אין אן אופן פון לפנים משורת הדין[100], "למען תלך בדרך טובים וגו'"[101], און "ועשית הישר והטוב"[102].

און ווי מ'זעט אז נאך אין דעם זמן ווען ס'איז געווען נס חנוכה (וואס לויט סדר הדורות איז דאס א סאך צייט איידער ס'זיינען געווען "בן הא הא" און "בן בג בג") - איז שוין געווען דער ענין פון "מהדרין מן המהדרין"[103], ניט נאר אן ענין של הידור, נאר "מהדרין מן המהדרין".

משא"כ אבער ווען א גר איז זיך מגייר, "אשר באת לחסות תחת כנפיו" (תחת כנפי השכינה) - האט ער משנה געווען פון דער שליחות און אומנות וועלכע מ'האט אים געגעבן.

און דער דין איז דאך אז ווען דער אומן איז משנה דערפון וואס דער בעה"ב האט אים געהייסן, איז ידו על התחתונה, און ער באקומט ניט קיין שכר פאר זיין עבודה -

און דאס איז דער חידוש פון "לפום צערא אגרא" - אז

- אע"פ -

----

98) יל"ש יתרו רמז רפו. 99) יתרו כ, ב. 100) ב"מ ל, ב. וש"נ. 101) משלי ב, כ. ב"מ פג, א ובפרש"י שם ד"ה בדרך טובים. 102) ואתחנן ו, יח. 103) שבת כא, ב.

אע"פ אז דער גר האט משנה געווען דערפון וואס מ׳האט אים געהייסן טאן, אעפ"כ באקומט ער שכר פאר זיין טרחא און צער וואס ער האט געהאט אין דערויף.

און אע"פ אז ווען ס׳איז ניחא לי׳ לבעה"ב, דארף איס דער בעה"ב באצאלן דעם שכר, און ס׳איז דאך זיכער ניחא לי׳ להקב"ה דאס וואס ער האט זיך מגייר געווען - איז דער ביאור בזה:

די גמרא[104] זאגט אז "קשים גרים לישראל כספחת", וואס איינער פון די טעמים אויף דערויף[105] איז, "לפי שאין בקיאין בדקדוקי מצוות וישראל למדין ממעשיהם", ד.ה. אז נוסף אויף דערויף וואס אין זייער קיום המצוות איז דא דער חסרון אז "אין בקיאין בדקדוקי מצוות", קומט נאך צו דער חסרון אז "ישראל למדין ממעשיהם".

[וו]ארום מצד דעם חסרון הידיעה שלו, קען זיין אז ער איז ניט מקיים די מצוה אין אן אופן ווי מ׳דארף איר מקיים זיין לכתחלה, און אמאל קען גאר זיין אז ביי אים פעלט אן ענין וואס איז אויך לעיכובא, ווארום יעדער מענטש טוט לפי ההרגל שלו, און דער גר איז אויסגעוואקסן געווארן ניט ווי א איד, און ווי די גמרא[106] זאגט אז א גר איז "סורו רע", וואס דער אפטייטש דערפון איז אז טבעו רע.

די גמרא [107] זאגט טאקע אז "גר שנתגייר כקטן שנולד דמי" - איז ער אבער געבארן געווארן מיט א טבע רע, און ניט קיין טבע רע ווי ס׳איז ביי א אידן, נאר מיט א טבע רע ווי ס׳איז ביי א ניט איד, ווי מ׳זעט דאס אויך בפשטות].

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז אע"פ אז ס׳איז ניחא לי׳ להקב"ה דער כללות ענין הגיור, אעפ"כ, וויבאלד אז דערנאך קומט ארויס דער ענין פון "קשים גרים לישראל כספחת", דערפאר וואס "אין בקיאין בדקדוקי מצוות וישראל למדין ממעשיהם", קומט אוים אז עס קומט ניט צו קיין שבח כלי (דער קיום המצוות) וואס איז ניחא לי׳ להקב"ה -

ובמילא גייט דאס אריין אין דעם גדר פון אן אומן וואס האט משנה געווען דערפון וואס דער בעה"ב האט אים געהייסן, וואס דעמולט איז דער דין אז ער דארף אים ניט באצאלן דעם שכר פאר זיין עבודה - וויבאלד אז ס׳איז ניט צוגעקומען אין שבח כלי אן ענין וואס איז ניחא לי׳ לבעה"ב.

- און -

----

104) יבמות מז, ב. נדה יג, ב. 105) תוד"ה קשים - יבמות שם. פרש"י ד"ה כספחת - נדה שם. 106) ב"כ נט, ב. 107) יבמות כב, א.

און אויף דערויף קומט דער חידוש פון "בן הא הא", אז "לפום צערא אגרא" - אז ס'איז דא אן ענין של שכר אויך אויף דעם צער אליין, אע"פ אז דורך דערויף איז ניט צוגעקומען אין שבח הכלי.

כב. דער ענין וואס א גר איז משנה דערפון וואס מ'האט אים געהייסן דורך דעם וואס ער איז זיך מגייר, איז דא בדוגמת זה אויך ביי א אידן (וואס דערפאר איז דער ענין פון "לפום צערא אגרא" שייך אויך צו א אידן וואס איז געבארן געווארן אלס א איד, ניט קיין גר). והביאור בזה:

וועגן דעם גדר פון חילול השם, זאגט די גמרא[108] אז רב האט געזאגט אז "אי שקילנא בישרא מטבחא ולא יהיבנא דמי לאלתר", איז דאס ביי אים אן ענין פון חילול השם. וואס דער ענין איז נאר ביי איינעם וואס איז אזוי ווי רב, משא"כ ביי אן אנדערן איז דאס א דבר הרגיל, און ס'איז ניט קיין ענין פון חילול השם.

און ס'איז פארשטאנדיק, אז ווען א איד שטעלט זיך אריין אין דעם גדר פון רב (אז ביי אים זאל אזא ענין הייסן חילול השם) - נעמט ער אויף זיך אן ענין אויף וועלכן ער איז ניט נצטווה געווארן;

א איד איז מצווה ער זאל לערנען תורה בההמדה ושקידה, ביז וואנעט אז ער זאל דערגרייכן צו דער דרגא פון רב, און נאך העכער דערפון - ער איז אבער ניט מצווה אז ער מוז אנעמען דעם מינוי וועלכן רב האט גענומען (א ראש ב"ד, אדער א ראש ישיבה), וואס דעמולט נעמט ער אן אויף זיך די ההתייבות אז זיין הנהגה זאל זיין אין אן אופן אז נעמען בשר און באצאלן שפעטער איז אן ענין פון חילול השם.

און ווען א איד נעמט אן אויף זיך אזא מינוי, און שטעלט זיך אריין אין אזא הנהגה אז נעמען בשר און באצאלן שפעטער איז אן ענין פון חילול השם - האט ער משנה געווען דערפון וואס מ'האט אים געהייסן, ווארום ער האט גענומען אויף זיך אן ענין של צער נוסף [אז אפי' זייענדיק אן עני בתכלית, זאל ער ניט נכשל ווערן אין נעמען בשר און ניט באצאלן גלייך] אויף וועלכן ער איז ניט נצטווה געווארן.

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז וויבאלד ער האט משנה געווען און גענומען אויף זיך אן ענין אין וועלכן ער איז ניט נצטווה געווארן - איז ע"פ דין קומט אים ניט קיין שכר, ווארום עס קען דאך זיין אז דערנאך וועט ער ניט מקיים זיין

- דעם -

----

108) יומא פו, א.

דעם הידור (וואס ער האט גענומען אויף זיך) כדבעי, און דעמולט וועט דאס זיין אן ענין וואס איז נישט ניחא לי׳ להקב"ה.

און דאס איז דער חידוש פון "לפום צערא אגרא" - אז ס׳איז דא שכר אויף דעם וואס ער האט גענומען אויף זיך א צער נוסף אין וועלכן ער איז ניט נתבטוה געווארן [נוסף אויפן שכר וואס ער באקומט אויף דעם וואס ער האט באווארנט אן ענין פון חילול השם], אע"פ אז עס קען זיין אז דערפון וועט ארויסקומען אן ענין וואס איז ניט ניחא לי׳ להקב"ה (אויב ער וועט ניט מקיים זיין דעם הידור כדבעי).

כג. עס איז אבער נאך אלץ ניט פארשטאנדיק:

ע"פ האמור לעיל קומט אויס אז דער ענין פון "לפום צערא אגרא" ביי א אידן, איז שייך נאר אין א פאל ווען א איד נעמט אן אויף זיך אזא אופן הנהגה ווי רב וכיו"ב;

עס איז דאך אבער דא דער כלל אז "התורה על הרוב תדבר", און בא רוב אידן איז ניטא דער אופן ההנהגה פון רב - וויפל רב׳ס זיינען דא בא אידן?! און וויפל רבנים זיינען דא בכלל בא אידן - דער סדר איז דאך אז איין רב האט א סאך בעלי-בתים [אויב עס וואלט געווען איין בעה"ב מיט א סאך רבנים - וואלט געווען אך-און-ווי סיי צום בעה"ב און סיי צו די רבנים] -

און וויבאלד אז דער רוב זיינען בעלי-בתים (ניט קיין רבנים) - דארף מען פארשטיין: וואו געפינט מען דעם ענין פון "לפום צערא אגרא" בא רוב אידן (ניט אזוינע אידן וועלכע זיינען שייך נעמען אויף זיך דעם אופן ההנהגה פון רב)?

כד. איז דער ביאור בזה:

יעדער איד איז מחוייב אין "הוכח תוכיח את עמיתך"[109], "אפילו מאה פעמים"[110] - און ווען ער איז מקיים דעם ציווי פון "הוכח תוכיח", דארף ער דאך באווייזן א לעבעדיקן ביישפיל ווי אזוי מ׳דארף זיך פירן, ווארום אויב יענער וועט זעהן אז דער וואס האט אים מוכיח געווען פירט זיך ניט ווי עס דארף צו זיין, וועט דאס שאטן נאכמער דערפון ווען ער וואלט ניט מקיים געווען דעם ציווי און וואלט אים ניט מוכיח געווען.

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז ווען ער דארף מקיים זיין דעם ציווי פון "הוכח תוכיח", איז דאס אן ענין וואס

- איז -

---

109) קדושים יט, יז. 110) ב"מ לא, א.

איז פארבונדן מיט א צער נוסף, ווארום ער דארף באווייזן א לעבעדיקןביישפיל ווי אזוי מ׳דארף זיך פירן.

און אע"פ אז ער איז מחוייב מקיים זיין דעם ציווי פון "הוכח תוכיח" [איז דאך דאס ניט קיין צער נוסף וואס ער נעמט אויף זיך אן ענין אין וועלכן ער איז ניט מחוייב] - איז אבער דא אן אופן וואס ער איז ניט מחוייב אין "הוכח תוכיח":

ווען ער זעט א אידן וואס אים פעלט עפעס אין קיום התומ"צ, איז ער מחוייב אין "הוכח תוכיח", עס איז אבער ניטא קיין חיוב ער זאל גיין זוכן אפשר איז דא א איד וואס אים פעלט עפעס אין קיום התומ"צ, כדי ער זאל אים מוכיח זיין אויף דערויף;

ווען עס רעדט זיך וועגן מצות תפילין, איז זונסיק אינדערפרי א איד מחוייב גיין זוכן תפילין, כדי ער זאל קענען מקיים זיין מצות תפילין - ער איז אבער ניט מחוייב גיין זוכן א אידן וואס אים פעלט אין קיום התומ"צ, כדי ער זאל קענען מקיים זיין די מצוה פון "הוכח תוכיח".

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז ווען ער איז פארקאכט אין דעם ענין פון "הוכח תוכיח" [ניט דערפאר וואס ער וויל יענעם מצער זיין, נאר מצד הטוב - דערפאר וואס יענער איז אים נוגע כנפשו, וויבאלד אז ס׳דארף זיין "ואהבת לרעך כמוך"[111] - ער איז ניט קיין רב און ניט קיין מלמד, און אעפ"כ זוכט ער א אידן וואס אים פעלט אין קיום התומ"צ און איז אים מוכיח -

האט ער משנה געווען פון תפקידו העיקרי [וואס תפקידו איז אז ווען ער געפינט (בדרך עראי) א אידן וואס אים פעלט אין קיום התומ"צ, דארף ער אים מוכיח זיין, אבער ניט גיין זוכן אפשר איז דא א איד וואס אים פעלט אין קיום התומ"צ], און האט גענומען אויף זיך א צער נוסף אויף וועלכן ער איז ניט נצטווה געווארן - און אויף דערויף איז דער חידוש פון "לפום צערא אגרא".

כה. ער"ז איז דער ענין פון "לפום צערא אגרא" שייך אין קיום מצות צדקה:

דער חיוב פון מצות צדקה איז - "פתוח תפתח"[112], ד.ה. אז ווען עס קומט צו אים אן עני און בעט ביי אים אן ענין של צדקה, איז ער אים מחוייב צו געבן, און ער דארף דאס געבן

- בסבר -

----

111) קדושים שם, יח. 112) ראה טו, ח.

הנחת הת׳ בלהי מוגה

בסבר פנים יפות (ווארום אויב ניט - איז דאס דער היפך הענין פון צדקה), ווי אפגע׳פסק׳נט אין שו"ע[113].

עס זיינען אבער דא אידן וואס גייען און זוכן עניים אויף צו מקיים זיין מצות צדקה - ותבוא עליהם ברכה, דערפאר וואס בימינו אלו איז עיקר המצוה ניט ווארטן ביז דער עני וועט זיך אפשעמען און וועט קומען בעטן, נאר מ׳דארף אליין זוכן אפשר איז דא א איד וואס דארף אנקומען אז מ׳זאל אים ארויסהעלפן.

מ׳קען אבער ניט זאגן אז זוכן אפשר איז דא א איד וואס דארף אנקומען צו זיין הילף - איז א חיוב גמור אזוי ווי אלע אנדערע חיובים;

ביי אן עשיר איז דאס זיין חיוב עיקרי - ווארום די גאנצע מציאות וואס ס׳איז דא אן עשיר איז, כדי אז דער עני זאל באקומען צרכיו,

ווי ס׳שטייט אין מדרש[114] אז ווען דוד המלך האט געפרעגט דעם אויבערשטן צוליב וואס דארף זיין די מציאות פון אן עשיר און אן עני האט אים דער אויבערשטער געענטפערט: "חסד ואמת מן ינצרוהו"[115] - אזוי ווי עס דארף זיין דער קיום ענין החסד בעולם, האט דער אויבערשטער באשאפן איינעם אלס אן עשיר, און איינעם אלס אן עני, כדי אז ס׳זאל מקוים ווערן דער ענין פון "חסד ואמת מן ינצרוהו" - איז דערפון פארשטאנדיק, אז די גאנצע מציאות פון דעם עשיר איז, אז דער עני זאל קענען האבן צרכיו.

אבער איינער וואס איז ניט קיין עשיר, נאר ע"ד הממוצע, עאכו"כ איינער וואס איז נאך נידעריקער דערפון רח"ל - איז מצד "מילי דחסידותא" איז טאקע אן ענין ער זאל זוכן אפשר איז דא ערגעץ-דווארן עני וועלכן ער קען ארויסהעלפן - דאס איז אבער א חיוב נוסף וואס ער נעמט אויף זיך אן ענין אין וועלכן ער איז ניט מחוייב; און אויף דערויף איז דער חידוש אז "לפום צערא אגרא".

כו. עד"ז איז דאך ידוע דער סיפור וואס כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו האט דערציילט[116] וועגן דער הנהגה פון זיין פאטער, דער רבי נ"ע, אז בכל ר"ה האט ער געגומען אויף זיך א נייעס הידור און א נייעס מנהג וכו׳, וואס פריער האט ער ניט מהדר געווען בזה.

- וואס -

----

113) יו"ד סרמ"ט ס"ג. 114) תנחומא משפטים ט. 115) תהלים סא, ח. 116) ספר המנהגים ריש ע׳ 56. וראה לקו"ש ח"ב ע׳ 386.

[וואס אע"פ אז די הנהגה איז געווען ביים רבי'ן נ"ע, אעפ"כ, וויבאלד אז כ"ק מו"ח אדמו"ר האט דאס דערציילט צו די הערער, איז פארשטאנדיק, אז דאס האט א שייכות אויך צו אנשים כערכנו].

וואס וויבאלד אז ער האט געגומען אויף זיך א נייעס הידור וואס ער האט פריער ניט געטאן, איז דערפון גופא די הוכחה אז דאס איז אן ענין אין וועלכן ער איז ניט מחוייב;

און ווען ער נעמט אן אויף זיך דעם ענין, און איז זיך אזוי נוהג שלשה פעמים, און זאגט ניט קיין בלי-נדר - ווערט דאס גאר אן ענין אויף וועלכן מ'דארף טראכטן וועגן מתיר נדר זיין[117].

וואס דער ענין אז מ'זאל אנעמען אויף זיך א הידור אין וועלכן מ'איז ניט מחוייב, און דאס טאן שלשה פעמים, איז אן ענין וואס איז שייך בא רובם ככולם פון אידן - איז פארשטאנדיק, אז בא יעדער אידן און ביי אלע אידן איז שייך דער ענין פון "לפום צערא אגרא" - אן ענין של שכר אויף דעם וואס ער האט גענומען אויף זיך א צער נוסף אין וועלכן ער איז ניט געווען מחוייב.

וואס דערפון איז פארשטאנדיק אז אע"פ אז דעם ענין פון "לפום צערא אגרא" האט מגלה געווען א גר, דערפאר וואס ביי אים איז דאס אן ענין עיקרי בנוגע צו זיין גאנצע מציאות (כנ"ל בארוכה) - איז אבער דער ענין אויך שייך ביי א אידן וואס איז געבארן געווארן מלכתחלה אלס א איד, ניט קיין גר.

כז. עס איז אבער נאך אלץ ניט פארשטאנדיק:

כ'האט גערעדט ככ"פ[118] וועגן דעם דיוק - אויף וועלכן דער חיד"א[119] שטעלט זיך - אין לשון חז"ל בכ"כ "גר שנתגייר", אז לכאו' האט געדארפט זיין דער לשון "גוי שנתגייר" (אזוי ווי מ'זאגט קטן שהגדיל, שפחה שנשתחררה וכיו"ב)?

וואס דער ביאור אין דערויף איז: עס איז ניט שייך קיין מציאות אז א גוי זאל זיך מגייר זיין; ווען איינער איז זיך מגייר, איז דאס אין אן אופן פון "גר שנתגייר" - ער איז מלכתחלה געבארן געווארן אלס א גר, נאר פריער איז דאס ביי אים געווען בהעלם, און ווען ער איז זיך מגייר בפועל, ווערן ביי אים בגלוי אלע ענינים וואס זיינען פארבונדן מיט א גר.

- וואס -

----

117) ראה שער הכולל פכ"א סק"ג. 118) ראה לקו"ש ח"י ס"ע 89 הע' 41. 119) בס' מדבר קדמות מע' ג' אות ג'.

וואס עפ"ז קומט אויס אז ווען ער איז זיך מגייר, האט ער נים משנה געווען דעם תפקיד ושליחות וואס מ'האט אים געגעבן (ווארום ער איז געבארן געווארן אלס א גר) - איז לכאו', ניטא דער חילוק הנ"ל (סכ"א) צווישן א אידן מיט א גר, אז א איד איז נים משנה פון זיין תפקיד, און א גר איז יע משנה פון זיין תפקיד -

איז נים פארשטאנדיק: וואס איז די שייכות פון דעם מאמר "לפום צערא אגרא" מיט א גר דוקא?

כח. איז דער ביאור בזה:

דער דיוק פון דעם חיד"א, איז טאקע מרומז אין לשון חז"ל אין נגלה, אבער אין הלכה איז ניטא אזא ענין;

אין גדרים פון הלכה איז ניטא קיין חילוק צווישן א גוי (ווען ער איז נאך א גוי - איידער ער האט זיך מגייר געווען) וואס איז זיך דערנאך מגייר, מיט א גוי וואס איז זיך נים מגייר.

ואדרבה - אין גדרים פון הלכה געפינט מען אן ענין הפכי דערפון וואס דער חיד"א זאגט:

דער חיד"א איז מבאר אז ביי א גר זאגט מען "גר שנתגייר", און ביי א קטן זאגט מען קטן שהגדיל, ד.ה. אז איידער ער איז זיך מגייר איז ער שוין א גר, משא"כ א קטן שהגדיל, וואס פריער איז ער געווען א קטן, און דערנאך ווערט ער נשתנה און ווערט א גדול.

און אין הלכה געפינט מען דעם היפך דערפון: דער אלטער רבי ברענגט אראפ אין שו"ע שלו[120] אז א איד דארף תשובה טאן אויף די ענינים וואס ער האט געטאן בקטנותו, אע"פ אז דעמולט איז ער אין דערויף נים געווען מחוייב; מ'געפינט אבער נים אז א גר זאל דארפן תשובה טאן אויף די ענינים וואס ער האט געטאן איידער ער האט זיך מגייר געווען -

וואס דערפון זעט מען דאך אז ביי א גר, איז דער זמן שלפני הגירות אינגאנצן נים פארבונדן מיטן זמן שלאחרי הגירות (אז מ'זאל זאגן אז איידער ער איז נתגייר געווארן איז ער שוין געווען א גר), וואס דערפאר דארף ער נים תשובה טאן אויף די ענינים וואס ער האט געטאן קודם שנתגייר; משא"כ ביי א קטן שהגדיל, וואס דער זמן הקטנות איז פאר-בונדן מיטן זמן לאחרי שהגדיל, ביז וואנעט אז ער דארף תשובה טאן אויף די ענינים וואס ער האט געטאן בקטנותו.

- און -

----

120) או"ה סמכ"ג סי"א.

הנחה הת' בלתי מוגה

און וויבאלד אז אין הלכה איז ניטא דער גדר הנ"ל (אז איידער ער איז זיך מגייר איז ער שוין א גר), איז פארשטאנ-דיק אז ווען ער איז זיך מגייר, האט ער משנה געווען פון זיין תפקיד ושליחות, און דערפאר איז ביי אים דא דער תידוש פון "לפום צערא אגרא" (כנ"ל סכ"א).

כט. דער ביאור איז אבער ניט מספיק - ווארום:

אע"פ אז ס'איז דא א באזונדער סדר הלימוד מיט באזונדערע כללים אין נגלה דתורה, און א באזונדער סדר הלימוד מיט באזונדערע כללים אין די תלקים פון רמז, דרוש און סוד שבתורה -

קען אבער ניט זיין אז לויט תלק הסוד שבתורה (וואס דארטן איז דא דער דיוק פון דעם תיד"א אין דעם לשון "גר שנתגייר") זאל ניט זיין קיין ביאור אין דעם מאמר "לפום צערא אגרא" - וואס איז דער קשר דערפון מיט א גר דוקא.

איז דער ביאור בזה:

מה-דאך אז ביי א אידן, בן אברהם יצחק ויעקב, איז שייך דער ענין וואס ער נעמט אן אויף זיך א הידור נוסף (א מנהג חדש בכל ר"ה, וכיו"ב) און חיובים נוספים אין וועלכע ער איז ניט מחוייב (כנ"ל סכ"ו) - איז עאכו"כ בנוגע צו א גר, אז אפי' לויטן ביאור פון דעם חיד"א, איז אויך שייך צו זאגן אז ער נעמט אן אויף זיך חיובים נוספים אין וועלכע ער איז נצטווה געווארן - און דערפאר קען מען זאגן דעם חידוש פון "לפום צערא אגרא".

ל. דער ביאור אין דעם סדר פון דער משנה - אז פריער דארף שטיין דער מאמר "הפך בה והפך בה כו'", און ערשט דערנאך דער מאמר "לפום צערא אגרא":

דער ענין פון "הפך בה והפך בה כו'", איז פארבונדן מיט לימוד התורה, און דער ענין פון "לפום צערא אגרא", איז פארבונדן (בעיקר) מיט קיום המצוות [ס'איז טאקע דא שכר אויך אויף לימוד ההורה ("אם בחוקותי תלכו" - "שתהיו עמלים בתורה"[121]), אבער עיקר ענין השכר איז אויף דעם ענין פון קיום המצוות ("ואת מצותי תשמרו"[122])].

און וויבאלד אז דער סדר איז, אז פריער איז דא דער ענין פון לימוד התורה, און ערשט דערנאך קען קומען דער ענין פון קיום המצווה (וויבאלד אז "גדול תלמוד שמביא לידי מעשה"),

- ובפרט -

---

121) בחוקותי כו, ג. תו"כ הובא בפרש"י עה"פ.
122) בחוקותי שם.

ובפרט ווען עס רעדט זיך וועגן קיום המצוות אין אן אופן פון "מילי דחסידותא" - איז דאך דא דער כלל (וואס שטייט אין מסכת אבות[123]) אז "לא ע"ה חסיד", עס מוז פריער זיין דער ענין פון לימוד התורה -

איז דערפאר דער סדר אין משנה פריער דער ענין פון "הפך בה והפך בה כו׳" - דער ענין פון לימוד ההורה, און ערשט דערנאך "לפום צערא אגרא" - דער ענין פון קיום המצוות.

לא. דער ביאור השייכות פון דעם מאמר "הפך בה והפך בה" מיט "בן בג בג", און די שייכות פון דעם מאמר "לפום צערא אגרא" מיט "בן הא הא":

לימוד התורה איז אין אן אופן אז עס זיינען דא סברות לכאן וסברות לכאן, מ"ט פנים לכאן און מ"ט פנים לכאן[124], וואס "אלו ואלו דברי אלקים חיים"[125], און דערנאך דארף מען ערשט ארויסקריגן די מסקנא און פס"ד בנוגע להלכה בפועל - מ׳זאל וויסן אז "הלכה כמותו"[126].

ד.ה. אז אין תורה איז דער פס"ד בנוגע למעשה בפועל <u>ניט</u> בגלוי - אויף דערויף דארף מען אנקומען צום ענין ההלכות, וואס דארטן שטייט שוין דער פס"ד בנוגע לפועל בגלוי, וואס דאס איז דער אויפטו פון הושבע"פ, און אין תושבע"פ גופא - דער ענין ההלכות, אז דארטן שטייט דער רצון העליון (דער פס"ד בנוגע למעשה בפועל) בגלוי, כמבואר אין אגה"ק[127] (וואס מ׳האט דערמאנט אין דעם פריערדיקן מאמר[128], וואס דארטן רעדט זיך וועגן די תר"ך עמודי אור).

וואס דערפון איז פארשטאנדיק דער חילוק הכללי צווישן תורה מיט מצוות - אז אין תורה שטייט די מסקנא און פס"ד בנוגע לפועל אין אן אופן פון שקו"ט, "הפך בה והפך בה", און ס׳איז ניט בגלוי, משא"כ אין מצוה, וואס ענינם איז - די מסקנא און פס"ד אין מעשה בפועל, וואס דארטן שטייט דאס שוין אין אן אופן <u>גלוי</u>.

עפ"ז וועט מען פארשטיין די שייכות פון דעם נאמען פון בעל המאמר מיטן מאמר:

ווען ס׳רעדט זיך וועגן דעם ענין פון מצוה, "לפום צערא אגרא" - ברענגט מען דעם נאמען "בן הא הא". וואס אין דעם נאמען איז אנגעצייכנט <u>בגלוי</u> אז דאס איז א גר -

- וויבאלד -

----

123) אבות פ"ב מ"ה. 124) ראה ירושלמי סנהדרין פ"ד ה"ב. ועוד. 125) עירובין יג, ב. 126) ראה סנהדרין צג, ב. 127) סכ"ט (קנ, ב ואילך). 128) ד"ה באתי לגני דיו"ד שבט.

וויבאלד אז כללות ענין המצוות איז, אז דארטן שטייט בגלוי די מסקנא און פס"ד אין מעשה בפועל.

משא"כ ווען ס'רעדט זיך וועגן דעם ענין פון תורה, "הפך בה והפך בה" - ברענגט מען דעם נאמען "בן בג בג", וואס אין דעם נאמען שטייט דער ה"א ניט בגלוי, מערניט ווי אין אן אופן של גימטריא וואס מ'דארף אויסרעכענען - וויבאלד אז אין תורה איז די מסקנא און פס"ד ניט בגלוי, און ווען מ'וויל וויסן ווי אזוי עס דארף זיין דער מעשה בפועל, דארף פריער זיין דער "הפך בה והפך בה", און דערנאך דארף ער האבן א ברכה ער זאל זוכה זיין לאסוקי שמעתא אליבא דהלכתא.

לב. דער ביאור אין דעם וואס דער נאמען "בן בג בג" (וואס איז בגימט' ה"א) איז אין דעם צירוף פון "בג" דוקא, און ניט אין דעם צירוף פון "גב", אדער דער צירוף פון די אותיות אל"ף און דל"ת:

עס ווערט געבראכט אין אחרונים (אין ספר המעריך[129] וכיו"ב) אז "בג בג" איז ר"ת: בן גר בן גיורת.

[וכמדובר כמ"פ אז דער ענין פון ר"ת איז א דרך הלימוד אין תורה, אפי' בנוגע צו סיבני הלכות און הלכות, ווי מ'געפינט דאס א ריבוי פעמים].

און דערפאר בשעת מ'האט געוואלט אויסטיילן זיין נאמען פון "בן הא הא" (כדי מ'זאל וויסן וועמען מ'מיינט), און מ'האט געוואלט אז דער נאמען זאל זיין אין אן אופן וואס איז קרוב יותר צום תוכן פון "בן הא הא" (וואו דער ה"א (דער רמז אויף ענין הגירות) שטייט בגלוי) - האט מען אויס-געשטעלט די גימט' פון ה"א אין אן אופן אז ס'זאל אויך זיין א ר"ת פון בן גר בן גיורת.

לג. עפ"ז קען מען אויך מבאר זיין (להידודי עכ"פ) די צוויי גירסאות - "בן בג בג" (און "בן הא הא") אין צוויי ווערטער, און "בן בגבג" (און "בן האהא") אין איין ווארט:

ווען מ'זאגט "בן בגבג" (בן גר בן גיורת) אין איין ווארט, איז דער טייטש דערפון, אז סיי דער פאטער און סיי די מוטער זיינען געווען גרים, און דערפאר שטייט "בגבג" אין איין ווארט - וויבאלד אז דער פאטער און די מוטער (דער גר און גיורת) זיינען געווארן אין אן אופן פון "והיו לבשר אחד"[130], איין ווארט.

- עס -

----

129) הובא בסדה"ד ערך בן בג בג. 130) ל' הכתוב - בראשית ב, כד.

עס קען דאך אבער זיין אז ער זאל זיין א בן גר און בן גיורת, ער שטאמט פון גרים, אבער ניט אז סיי דער פאטער און סיי די מוטער זיינען גרים: א גר האט חתונה געהאט מיט א בת ישראל, און דער זון וואס איז פון זיי געבארן געווארן האט חתונה געהאט מיט א גיורת -

וואס דעמולט קומט אויס אז דער קינד וואס איז געבארן געווארן, איז טאקע א בן גר און בן גיורת, דאס זיינען אבער א גר מיט א גיורת פון צוויי באזונדערע דורות (ניט קיין גר און גיורת פון איין דור וואס האבן חתונה געהאט צוזאמען) - און דערפאר שטייט דאס אין צוויי באזונדערע ווערטער - "בן בג בג", וויבאלד אז דער גר און די גיורת זיינען פון צוויי באזונדערע דורות.

ועד"ז אויך בנוגע צו די צוויי גירסאות - "בן הא הא" און "בן האהא":

די צוויי מאל ה"א באווייזן אויפן ה"א פון אברהם און אויפן ה"א פון שרה, וואס "אברהם מגייר את האנשים ושרה מגיירת הנשים"[131] - איז דער וואס האלט אז דער גר און גיורת (פון וועלכע ער איז געבארן געווארן) זיינען געווען אין איין דור, איז ער גורס "בן האהא" אין איין ווארט, ווארום זיי זיינען געווארן אין אן אופן פון "והיו לבשר אחד"; און דער וואס האלט אז זיי זיינען געווען אין צוויי באזונדערע דורות, איז ער גורס "בן הא הא" אין צוויי באזונדערע ווערטער.

לד. ע"פ האמור לעיל ווערן פארענטפערט אלע דיוקים האמורים, און דערפון איז אויך פארשטאנדיק בנוגע צו אלע איבעריקע דיוקים וואס זיינען דא בענין זה.

כולל אויך דעם דיוק וועגן וועלכן מ'האט גערעדט פריער[132] אז דער סיום פון מסכת אבות איז "לפום צערא אגרא", און ניט אז דער סיום איז מערניט ווי כדי לסיים בדבר טוב -

ווי געבראכט די ראי' דערצו פון די משניות פון רמב"ם[?], וואס דארטן שטייט ניט די משנה פון "בן חמש שנים למקרא כו' בן מאה כו'", דארטן ענדיקט זיך מיט דער משנה פון "ותן חלקנו בתורתך ועם עושי רצונך". און אעפ"כ איז דער סיום המסכת "לפום צערא אגרא" - ניט דערפאר וואס מ'דארף מסיים זיין בדבר טוב (ווארום לולא זאת איז מען אויך מסיים בדבר טוב), נאר דערפאר וואס דאס איז דער סדר המסכת.

- לה. -

---

131) פרש"י עה"פ לך יב, ה. 132) שיחה הנ"ל סל"א.

לה. ויה"ר אז בקרוב ממש זאל זיין די גאולה האמיתית והשלימה - ווי עס שטייט אין זהר פ׳ כי תצא[133] אז ס׳איז דא דער סדר אז די גאולה קומט ע"י רחמים, און ס׳איז דא דער סדר אז די גאולה קומט ע"י צער ח"ו, און דערנאך קומט גלייך דער ענין פון רחמים, "ברחמים גדולים אקבצך"[134], וואס דעמולט איז דאס אין אן אופן פון "לפום צערא אגרא" - ויה"ר אז ס׳זאל זיין בעגלא דידן, למטה מעשרה טפחים.

וואס בנוגע צו דעם ענין הצער - האט מען שוין יוצא געווען מיטן צער וואס איז געווען ביז איצטער, ובפרט לויט ווי דער מיטעלער רבי פסק׳נט אפ אין שער התשובה שלו[135], אז לאחרי די גזירות וואס זיינען געווען, דארפן מערניט זיין קיינע גזירות ח"ו;

איז וויבאלד אז דער "לפום צערא" איז שוין געווען - דארף איצטער זיין דער "אגרא", ווארום ס׳איז דאך דא דער ציווי (און וועלכן דער אויבערשטער איז אויך מחוייב[136]) "ביומו תתן שכרו"[137] - דארף מען דאס האבן נאך אין דעם סיום פון זמן העבודה, אין עקבתא דמשיחא,

ובפרט אז עס דארף זיין דער ענין פון "טועמי׳ חיים זכו"[138], וכמדובר כמ"פ דאס וואס דער אלטער רבי פסק׳נט אפ אין שו"ע[139], אז בערב שבת דארף מען טועם זיין מכל תבשיל ותבשיל.

און מקבל זיין פני שבת מלכתא - משיח צדקנו - נאך אין ימות החול, אנהויבנדיק פון דעם זונטיק פון פרשת יתרו (פרשת מ"ת), בביאת משיח צדקנו,

און אין אן אופן פון "מיד הן נגאלין"[140], אפי׳ ביינאכט[141], יעדער טאג, זונטיק וכו׳ - ווי גערעדט פריער בארוכה[142] די הוכחה אויף דערויף וואס משיח קען קומען יעדער טאג, פון דעם דין[143] אז אויב איינער זאגט "הריני נזיר ביום שבן דוד בא", איז אויב ס׳איז נאר אין ימות החול, ווערט ער גלייך א נזיר.

און ס׳זאל זיין דער "מיד הן נגאלין", בעגלא דידן, ולמטה מעשרה טפחים, ובטוב הנראה והנגלה, ע"י משיח צדקנו, בקרוב ממש.

* * *

- לו. -

----

133) רעז, א. 134) ישעי׳ נד, ז. 135) ח"ב ה, ב. 136) ראה שמו"ר פ"ל, ט. 137) תצא כד, טו. 138) ראה לקו"ש וישלח-י"ט כסלו תשל"ז ס"ב. וש"נ. 139) או"ח סר"נ ס"ח. 140) רמב"ם הל׳ תשובה פ"ז ה"ה. 141) ראה לקו"ש ח"א ע׳ 272. 142) שיחת מוצאי ש"פ וארא ס"נ. 143) עירובין מג, סע"א ואילך. רמב"ם הל׳ נזירות פ"ד הי"א.

לא. כאן המקום והזמן צו משלים זיין נאך כמה נקודות בנוגע צום "הדרן" אויף מסכת אבות, וואס מ'האט גערעדט אין די פריערדיקע התוועדויות[133].

ובפרט אז דאס האט א שייכות מיטן שיעור חומש פון היינטיקן טאג (יום שני פון פ' יתרו) - "ואתה תחזה גו'", וואדוס דארטן רעדט זיך וועגן בחירת הדיינים, וואס דאס האט א שייכות מיוחדת צו מסכת אבות, ווי דער רמב"ם[134] איז מבאר אז ענינה פון מסכת אבות איז - "מוסר הדיינין",

[ווי ער איז מבאר[135] אז "כאשר נשלם לו מה שהי' צריך אליו השופט", וואס דאס איז מסכת סנהדרין, און מסכת מכות וואס קומט אלס א המשך צו סנהדרין (וואדום אין מסכת מכות רעדט זיך וועגן עדים זוממין וכו'), איז "התחיל באבות", וואס ענינה איז "מוסר הדיינין" - די ענינים של מוסר וואס שטייען דארטן זיינען טאקע נוגע לכל אדם, אבער "אין אדם צריך לזה הדבר כמו הדיינים"].

וואס דאס איז דאך פארבונדן מיט דער פרשה פון "ואתה תחזה", וואדום משה רבינו האט געדארפט געפינען (דורך דעם רוה"ק שבו) די אידן וואס זיינען "אנשי חיל יראי אלקים אנשי אמת שונאי בצע"[136] - וואס דאס זיינען די ענינים עיקריים וואס דארפן זיין בא דיינים,

און אין מסכת אבות ווערן נתבאר די ענינים וואס זיינען נוגע צו דיינים מער בארוכה און מער בפרטיות - כשא"כ ווי דאס שטייט אין תושב"כ (וויבאלד אז "ליכא מידי דלא רמיזא באורייתא"[137]), וואס דארטן שטייען זיי בקיצור וברמז.

לב. אין דעם הדרן זיינען דא כמה נקודות וועלכע זיינען נאך ניט נתבאר געווארן:

מ'האט מבאר געווען[138] אז אין דעם נאמען "בן הא הא" איז מודגש אז ער איז געווען א גר, דערפאר וואס ער איז "בן אברהם ושרה שנתוספו ה"א על שמותם"[139], משא"כ בנוגע צו "בן בג בג". וואס ביי אים איז דאס ניט מודגש אויף אזוי פיל, וויבאלד אז "בג בג" איז נאר די גימטריא פון "הא הא"[139].

- האט -

---

133) שיחה יו"ד שבט סל"א ואילך. מוצאי ש"פ בשלח, י"ג שבט סט"ז ואילך. 134) בהקדמתו לפיהמ"ש ד"ה והחלק הששי. 135) שם. 136) פרשתנו שם, כא. 137) ראה תענית ט, א. 138) שיחת יו"ד שבט סל"ג. מוצאי ש"פ בשלח, י"ג שבט סי"ז. 139) מדרש שמואל כאן בשם הרשב"ם. וראה גם תוד"ה בר הי הי - חגיגה ט, ב.

האם מען אויף דערויף געפרעגט, אז לכאו׳ איז אין דעם נאמען "בן בג בג" מער מודגש אז ער איז געווען א גר, דערפאר וואס "בג בג" איז דער ר"ת פון "בן גר בן גיורת"[140], משא"כ אין "בן הא הא", וואס דארטן איז דאס נאר מרומז אין דעם וואס ער איז "בן אברהם ושרה שנתוספו ה"א על שמותם"?

איז דער ביאור בזה:

דער ה"א וואס איז נתוסף געווארן ביי אברהם, באווייזט אויף דער המשכה און נתינת כח מלמעלה, וואס דורך דערויף איז ער געווארן דער "אב המון גוים"[141], ועד"ז בנוגע צו ה"א וואס איז נתוסף געווארן בא שרה, אז דורך דערויף איז זי געווארן "שרה על כל" (ניט נאר "שרי - לי")[142].

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז אין "בן הא הא" איז מודגש דער ענין פון גירות נאכמער ווי אין "בן בג בג" - וואָרום "בן בג בג" איז נאר דער ר"ת פון "בן גר בן גיורת", משא"כ בנוגע צו "בן הא הא", וואס דער ה"א וואס איז צוגעקומען בא אברהם ושרה איז טאקע פארבונדן מיט זייער ענין (דער ענין פון גירות), ביז אז דאס איז געווארן א חלק פון זייער נאמען, וואס אין דערויף איז דא דער ענין פון "ר"מ הוה דייק בשמא"[143], ובפרט ע"פ תורת הבעש"ט[144] אז "שמו אשר יקראו לו בלה"ק" באווייזט אויף תוכן פון דעם ענין.

לג. עד"ז האט זיך גערעדט[145] אז דער אויפטו פון א גר איז, אז ער האט גענומען אויף זיך אן ענין אויף וועלכן ער איז ניט נצטווה געווארן, און דורך דערויף האט ער משנה געווען דערפון וואס ער איז נצטווה געווארן.

וואס לכאורה איז דאס ניט פארשטאנדיק[146]:

ס׳איז ידוע דער דיוק[147] אין דעם לשון "גר שנתגייר", אז באך איידער ער האט זיך מגייר געווען איז ער שוין געווען א גר, ד.ה. אז ער איז מלכתחלה געבארן געווארן אלס א גר, ס׳איז מעורבים וואס פריער איז דאס בהעלם, און ווען ער איז זיך מגייר קומט דאס אראפ בגילוי.

- ועפ"ז -

---

140) ספר המעריך - הובא בסדה"ד מע׳ בן בג בג. מד"ש כאן מר׳ יוסף ן׳ נחמיאש בשם "יש אומרים". 141) לך לך יז, ה. וראה תו"א לך לך יא, א ואילך. ספר הערכים-חב"ד ערך אברהם אבינו ס"ה. וש"נ. 142) פרש"י עה"פ לך לך שם, טו. 143) יומא פג, ב. 144) שעהיוה"א רפ"א. 145) שיחת יו"ד שבט סמ"ב ואילך. מוצאי ש"פ בשלח, י"ג שבט סי"ח ואילך. 146) ראה גם שיחת מוצאי ש"פ בשלח, י"ג שבט סכ"ז. 147) מדבר קדמות (להחיד"א) מע׳ ג׳ אות ג׳.

ועפ"ז קומט דאך אויס אז דער גר האט נ̲י̲ט̲ משנה געווען דערפון וואס ער איז נצטווה געווארן, ווארום ער איז מ̲ל̲כ̲ת̲ח̲ל̲ה̲ געבארן געווארן אלס א גר?

איז דער ביאור בזה:

בנוגע צו כללות הענין פון לימוד כ̲ל̲ פרד"ס התורה און קיום כ̲ל̲ התרי"ג מצוות, זאגט דער אלטער רבי אז דאס קען זיין אין אן אנדער גלגול.

וואס אין הלכה, איז די מציאות פון גלגול אחר - אן אנדער מענטש.

און וויבאלד אז "תורה אחת לכולנה", איז דאס אזוי אויך לויט "חכמת האמת"[148] (חלק הסוד שבתורה), ווארום דעמולט איז ביי אים אן אנדער אופן אין עבודה, און וויבאלד אז זיין גאנצע מציאות איז "אני נבראתי לשמש את קוני"[149], און אין דעם צווייטן גלגול איז עבודתו באופן אחר - קומט דאס ארויס בגילוי (אין הלכה פון נגלה) אין אן אנדער מציאות לגמרי.

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז אע"פ אז מלכתחלה איז ער געבארן געווארן אלס א גר, מוז ער זיך אבער ניט מגייר זיין בגלגול זה, נאר ער קען זיך אויך מגייר זיין בגלגול אחר - קומט דאך אויס אז בשעת ער איז זיך איצטער מגייר, נעמט ער אויף זיך אן ענין אין, וועלכן ער איז ניט נצטווה געווארן.

וע"ד המבואר אין מדרז"ל בנוגע צו א זיווג אז ס'איז קיין סתירה ניט צווישן דעם וואס מ'זאגט[150] "שמא יקדמנו אחר", דערמיט וואס "בכל יום ויום ב"ק יוצאת ואומרת בת פלוני לפלוני"[150] - ווארום:

א) אע"פ אז מ'איז מכריז "בת פלוני לפלוני", קען מען דאס אבער אמאל משנה זיין דורך אן ענין של תפלה, "ברחמים"[151], ב) דאס וואס מ'איז מכריז "בת פלוני לפלוני", קען אפגע-לייגט ווערן אויף א משך זמן - ביז אין א גלגול אחר[152].

ועד"ז איז אויך פארשטאנדיק בנוגע צו עבודת הבירורים ובפרט ע"פ המבואר בארוכה אין דרושי חסידות[153] אז יעדער ענין של בירור איז אן ענין פון א חתונה, כמרז"ל[154] "עלמא

- דאזלינן -

---

148) ראה אגה"ת ספ"ב. הל' ת"ת לאדה"ז פ"א ס"ד.
149) קידושין בסופה. 150) מו"ק יח, ב. זח"א צא, ב. ועוד.
151) מו"ק שם. 152) זהר שם. 153) ראה אוה"ת ויחי תטז, ב. ועוד. 154) עירובין נד, א (ע"פ גירסת הע"י).

דאזלינן מיני׳ לבי׳ הילולא דמי"], ביז צו דעם ענין פון "אשר באת לחסות תחת כנפיו"[155] (דער ענין פון גירות) - אז אע"פ אז סוכ"ס דארף ער זיך מגייר זיין, קען ער דאס מאן שפעטער, ביז בגלגול אחר, און בשעת ער טוט דאס בהקדם, קומט אויס אז ער נעמט אויף זיך אן ענין אין וועלכן ער איז ניט נצטווה געווארן.

ועפ"ז איז אויך פארשטאנדיק בנוגע צו גלגול זה גופא:

מ׳האט גערעדט כמ"פ, אז וויבאלד מ׳האלט שוין אין עקבתא דמשיחא, קען מען ניט אפלייגן קיין ענין אויף א גלגול אחר, נאר מ׳דארף טאן אלע ענינים אין אן אופן פון "חטוף ואכול חטוף ושתי"[156], וואַרום "הנה זה עומד אחר כתלנו"[157], און "אם אם קומט משיח", קען ער ניט אפלייגן עבודתו אפי׳ אויף א טאג, א שעה און א רגע, נאר עס דארף זיין "כל יומא ויומא עביד עבידתי׳"[158], און אין דעם יום גופא - די "עבידתי׳", פון כל רגע ורגע שבו.

עס איז דאך אבער פארשטאנדיק, אז אין דעם ענין פון גירות איז ניט שייך צו זאגן אז ער דארף זיך מגייר זיין מיט א רגע פריער; סוכ"ס מוז עד זיך מגייר זיין, דערפאר וואס מלכתחלה איז ער באשאפן געווארן אין דעם אופן, עס איז אבער ניטא קיין הכרח אז ער מוז דאס טאן אין דער רגע דוקא, ער קען דאס טאן א רגע לאח"ז -

קומט דאך אויס אז ווען ער טוט דאס ברגע זה, האט ער גענומען אויף זיך אן ענין אין וועלכן ער איז ניט נצטווה געווארן.

און דאס איז דער כללות הקישור מיט תחלת מסכת אבות, "משה קבל תורה מסיני" - ווי גערעדט בארוכה אין דער פדיער-דיקער התוועדות[159], אז בשעת מ"ת (ווען "משה קבל תורה מסיני"), איז געווען דער ענין הגירות פון כל אחד ואחד מישראל (ווי די גמרא זאגט אין יבמות[160]), וואס דאס איז דער ענין פון "בן הא הא" און "בן בג בג".

לד. דער עיקר חידוש בכל הנ"ל איז (ניט אזוי די פרטי הדברים וואס מ׳האט גערעדט אין דעם "הדרן" נאר) - אז פונקט אזוי ווי מ׳מאכט א סיום אויף יעדער מסכת אין סדר נזיקין, קען מען (ובמילא דארף מען) אויך מאכן א סיום אויף מסכת אבות, אע"פ אז אין מסכת אבות רעדט זיך וועגן ענינים פון מדות און דעות וכו׳.

- און -

---

155) רות ב, יב. 156) עירובין שם. 157) ל׳ הכתוב - שה"ש ב, ט. וראה לקו"ש ח"ז ע׳ 104 הע׳ 38. 158) זח"ג צ־, ריש ע"ב. 159) שיחת יו"ד שבט סמ"ו. 160) מו, א ואילך.

און אין דערויף גופא איז דער חידוש (און עס ווייזט אויס אז מ'האט דאס אינגאנצן ניט תופס געווען) – אז מ'קען מאכן א סיום אויף מסכת אבות ניט נאר ע"פ תורת החסידות, נאר אויך ע"ד ההלכה.

וואס דאס איז דאך אויך נוגע להלכה – צי מ'קען יוצא זיין מיט א סיום אויף מסכת אבות, ווען מ'מאכט א סיום אנשטאט א תענית.

לה. דער הכרח אויף דעם וואס ע"פ הלכה קען מען מאכן א סיום אויף מסכת אבות, איז – וויבאלד אז מ'זעט אז דער לימוד פון מסכת אבות איז פארבונדן און אין דערויף זיינען דא ענינים של הלכה:

בשעת צוויי מענטשן קומען פרעגן א שאלה – איז דער דין[161] אז פריער דארף מען ענטפערן אויף דער שאלה וואס איז נוגע למעשה בפועל.

און אויב ביידע שאלות זיינען ניט נוגע למעשה בפועל – איז דא דער כלל[162] "כי קאי רבי בהא מסכתא לא תשיילי' במסכתא אחריתי", נאר מ'זאל אים פרעגן אין דער מסכת, וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז די שאלות וואס מ'פרעגט אים אין דער מסכת וואס ער לערנט איצטער, זיינען קודם צו די שאלות אין א מסכת וואס ער האט געלערנט מיט א זמן לפנ"ז.

ועד"ז איז פארשטאנדיק בנוגע צו מסכת אבות:

מ'געפינט דאך אז תנאים און אמוראים האבן געלערנט מסכת אבות – די ענינים וואס שטייען אין מסכת אבות האבן דאך געזאגט תנאים, און דערנאך זיינען דא א ריבוי ענינים פון מסכת אבות וואס ווערן געברענגט אין ש"ס, און אין זיי איז דא א שקו"ט פון אמוראים.

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז אין דערויף בייט אויך אן דער כלל אז "כי קאי רבי בהא מסכתא לא תשיילי' במסכתא אחריתי" – אז בשעת ער לערנט מסכת אבות, האבן א קדימה די שאלות וואס זיינען פארבונדן מיט מסכת אבות.

ועד"ז ווען עס רעדט זיך וועגן א שאלה וואס איז נוגע אין מעשה בפועל – ווי אזוי מ'דארף אויסהערן אן עדות, ועד"ז בנוגע צו די אנדערע פרטים וואס זיינען פארבונדן מיט "מוסר הדיינין" – איז וויבאלד אז ס'איז א שאלה וואס איז נוגע אין מעשה בפועל, איז דאס קודם צו א שאלה אין אנדערע ענינים (ענינים פון נזיקין וכיו"ב) וואס זיינען איצטער

- ניט -

----

161) ראה ב"י או"ח ר"ס תכט. ועוד. 162) שבת ג, ריש ע"ב.

ניט נוגע למעשה בפועל, וויבאלד אז דאס איז אן ענין שהזמ"ג.

ועד"ז זיינען דא נאך כו"כ ראיות פון ענינים פון הלכה, אז מ'קען מאכן א סיום אויף מסכת אבות.

לו. און אז מ'וועט פרעגן, פארוואס געפינט מען ניט אז מ'זאל מאכן א סיום אויף מסכת אבות?

איז אויב מ'וועט זוכן, וועט מען דאס געפינען; און אפי' אויב ניט - איז אויב ס'איז באשערט אז מ'זאל מאכן עפעס א חידוש (ניט קוקנדיק אויף דערויף וואס מ'דארף זיין זהיר מיט א חידוש), זאל ניט זיין קיין גרעסערע טענה ווי די טענה היתכן אז מ'האט מחדש געווען א נייע זאך, אז מ'קען מאכן א סיום אויף מסכת אבות (ניט נאר אויף מסכת בבא קמא בבא מציעא און בבא בתרא וכיו"ב)!

לז. עס זיינען דא אזוינע וואס זייער חיות איז, אז אויף יעדער ענין דארפן זיי זאגן "איפכא מסתברא":

עס קומט צו א התוועדות פון חמשה עשר בשבט, טענה'ן זיי - "איפכא מסתברא": ביז 20 יאר צוריק האט מען ניט געהערט פון אזא ענין, און ס'איז שוין כו"כ שנים וואס מ'האט ניט געהערט פון אזא ענין - איז "מה יום מיומים", וואס איז אנדערש שנה זו פון כל השנים כולם וכו'!

האט מען אבער גערעדט כמ"פ[163], אז וויבאלד מ'זעט אז עס ווערט נתוסף אין חושך העולם, מוז מען מוסיף זיין אור בעולם, ווארום אע"פ אז מיט א דור אדער מיט א יאר לפנ"ז איז דער אור וואס איז דא איצטער בעולם געווען גענוג - דארף מען אבער איצטער מוסיף זיין אין דעם אור, וויבאלד אז ס'איז צוגעקומען א הוספה אין חושך העולם.

און דערפאר דארף מען מוסיף זיין נאך ענינים וואס זיינען פריער ניט געווען, כדי צו מרבה זיין אור בעולם.

לח. קען מען ראך אבער פרעגן: וואס דארף מען מוסיף זיין ענינים חדשים, מ'קען מאכן א הוספה אין די ענינים וואס זיינען שוין דא - מוסיף זיין אין אכילת הפירות שנשתבחה בהם א"י; אנשטאט עסן איין פייג, וועט ער עסן צוויי פייגן, ער וועט עסן כמה ענבים, אדער כמה תמרים!

זעט מען אבער אז מיט וואס קען מען נעמען דעם עולם - אויב מ'וועט זאגן אז מ'זאל עסן מערער פירות, וועט מען זיך

- ניט -

----

163) ראה גם שיחת זאת חנוכה ש.ז. ס"ב ואילך.

הנחת הת' בלתי מוגה

ניט פאנאנדערקלייבן, און אויף יעדער פרי וועלן זיין כמה "באלאנים"; משא"כ ווען די הוספה איז אין ענין של דיבור, איז דאס אין אן אופן פון "נר לאחד נר למאה"[164] - דורך דעם וואס מ'איז אים מכריח ער זאל הערן וואס מ'רעדט אריין אין אים, נעמט ער דאס ניט צו ביי א צווייטן.

און דער עיקר איז, אז ס'איז קיין סתירה ניט צווישןביידע ענינים - עס וועט בלייבן גענוג זמן ביום אויף צו מרבה זיין אין אכילת פירות (מיט ברכות ראשונות און ברכות אחרונות) אין א ריבוי מופלג לגבי ווי ס'איז געווען בשנה שעברה.

[בשנה שעברה האט דער "ועד המסדר" געגעבן לכה"פ עטליכע פירות (ס'איז אויך ניט געווען מיט א ריבוי מופלג, אז ס'זאל זיין פארן גאנצן עולם, אפי' ניט פאר קיין מנין), אבער אזוי ווי דער "ועד המסדר" איז "הולך ומוסיף" בפעולותיו - האבן זיי היינט מוסיף געווען אז ס'זאל זיין אזוי פיל תורה, אזוי אז מ'דארף אינגאנצן ניט האבן קיין גשמיות, ס'איז אינגאנצן ניטא קיין פירות!

מ'וויל דאך ניט רעדן וועגן ענינים וואס זיינען העדר השבח פון אידן - מ'וויל נאר באווארענען אויף שנה הבאה (וואס אזא זאך וועט מען זיכער פארצייכענען און מ'וועט דאס געדיינקען אויף שנה הבאה),

אז יהי"ר אז בשנה הבאה זאל מען קענען אוועקשטעלן פירות עכ"פ פאר עשרה מישראל, ומה טוב - מער פון עשרה מישראל, און כדי אז ס'זאל ניט פעלן קיין געלט - וועט מען אפלייגן די געלט אויף דערויף נאך אין היינטיקן יאר].

לט. בנוגע לעניננו:

דאס וואס מ'דארף האבן אן ענין של חידוש, איז דערפאר וואס בא כו"כ מבנ"י איז געווארן אן ענין של העדר השמחה רח"ל; מ'איז פארמאטערט פון דעם מאטערן זיך אין גלות, און מ'איז פארמאטערט פון ווארטן אויף משיח'ן.

וואס דאס איז דאך א טענה צודקת - עד מתי!

מה-דאך אז אין דעם זמן פון נבואת ישעי' האט מען שוין געפרעגט "שומר מה מלילה שומר מה מליל"[165], און בדורות שקדמונו (נאך פאר די גזירות רח"ל) האט מען שוין געשריען אז "עבר קציר כלה קיץ ואנחנו לא נושענו"[166] - איז עאכו"כ נאך דערויף וואס מ'איז דורכגעגאנגען די אלע ענינים, און

- ידע -

---

164) שבת קכב, א. 165) ישעי' כא, יא. 166) ירמי' ח, כ.

הנחת הת' בלתי מוגה

ידע איניש בנפשי' זיין מעמד ומצב - ווערט דאך א זעקה וואס איז בוקעת עד לב השמים, "עד מתי"!

און מ'זעט אז מ'שרייט און מ'בעט - און מ'שוייגט!

ס'איז ידוע דער משל וואס חסידים זאגן בשם המגיד, אז כללות ענין הגלות איז עד"מ צו אן אב וואס באהאלט זיך פון דעם בן, וואס די כוונה אין דערויף איז, ניט דערפאר וואס ער וויל ניט זיין צוזאמען מיטן בן ח"ו, נאר כדי אז בייס בן זאל נתעורר ווערן די תשוקה עד זאל זוכן און געפינען דעם אב.

ווארום בשעת דער בן געפינט זיך בתמידות צוזאמען מיטן אב, איז ניט אזוי ניכר די תשוקה פון דעם בן ער זאל זיין צוזאמען מיטן אב, ווארום תענוג תמידי אינו תענוג[167] - און דורך דערויף וואס דער אב באהאלט זיך פון דעם בן, ווערט נתעורר בא דעם בן די תשוקה צו זעהן דעם אב, ווארום היתכן אז ער זעט ניט דעם אב.

עס איז אבער דא א מעמד ומצב וואס דער בן הערט אויף זוכן דעם אב, ובלשון פון דער סדרה פון י"ג שבט[168] "היש ה' בקרבנו אם אין",

[די שאלה "היש ה' בקרבנו אם אין" איז פארבונדן מיט דעם ענין פון "ויבוא עמלק גו'" (ווי רש"י[169] טייטשט אפ) - אבער פון עמלק'ן קומט דאס אראפ אין וועלט, צו די וואס זעהן דאס בעיני בשר (וויבאלד אז עמלק "הקרה אותה (די "אמבטי רותחת") בפני אחרים"[170]) - אז בא זיי קען ווערן א שאלה "היש ה' בקרבנו אם אין"];

ער ווייסט אז ס'איז דא די מציאות פון ה', ער ווייסט אז "יש בעה"ב לבירה זו"[171], מיט אלע פרטים שבזה, ער ווייסט אפי' אז די וועלט ווערט נתהוה מחדש מאין ואפס המוחלט, ביי אים איז אבער א ספק "היש ה' בקרבנו" - אפשר איז דער ענין ההתהוות אין אן אופן פון סוכ"ע, ארום און ארום, אבער אפשר ניט "בקרבנו",

[ער טייטשט אפ סוכ"ע - ניט ווי ס'שטייט אין תניא[172] אז דאס נעמט דורך "כל נברא ונברא מראשו ועד תחתיתו ותוכו ותוך תוכו כו'", ס'איז מערניט וואס די השפעה איז ניט "בבחי' גילוי אלא בהסתר והעלם", און דערפאר ווערט דאס אנגערופן "מקיף וסובב" - נאר ער טייטשט אפ סוכ"ע כפשוטו,

- אז -

---

167) כש"ט אות קכא (טז, א). אוה"ת מסות ע' א'שכט. ועוד. 168) בשלח יז, ז. 169) ע"פ שם, ח. 170) פרש"י עה"פ תצא כה, יט. ועוד. 171) ראה ב"ר רפל"ט. 172) פמ"ח.

אז דאס איז פון ארום און ארום, אבער ניט "בקרבנו",

און דערנאך הויבט ער אן טענה'ן אז ווי באלד "אותותינו לא ראינו גו' ולא אתנו יודע עד מה"[173], איז "עזב ה' את הארץ"[174] ח"ו, און עד כדי כך – אז ער ווערט נתייאש און הערט אויף זוכן דעם אויבערשטן.

און דאס איז וואס מ'זאגט אין דעם משל, אז בשעת דער אב דערזעט אז דער בן זוכט אים ניט, אט דא ... ווערט ערשט דער אמת'ער ענין הגלות!

כל זמן אז דער בן זוכט דעם אב, איז דאס גופא א הכנה, א ניצוץ און א התחלה פון דער גאולה, ווארום ער זוכט אביו, אין דערויף ליגט זיין רצון און זיין השתדלות;

ווען ער הערט אבער אויף צו זוכן (מצד חסרון ידיעה, אדער מצד יאוש) – ווערט דעמולט דער "אנכי הסתר אסתיר פני"[175], ווי דער בעש"ט טייטשט אפ[176] איז דער הסתר אליין שטייט אין אן אופן של הסתר – ער ווייסט גארניט אז דאס איז א הסתר.

ובפשטות – ער טראכט ניט וועגן ג-טליכקייט; ער טראכט וועגן וועלט, טאקע אויף א כשר'ן אופן, לויט ווי ס'שטייט אין שו"ע, ער לערנט תורה ווי מ'דארף לערנען תורה – אבער טראכטן בשעת לימוד התורה וועגן נותן התורה, טראכטן וועגן כבאו ומהנו באמונה, און טראכטן וועגן דעם וואס דער אויבערשטער "הוא הנותן לך כח ... לעשות חיל"[177] – ער האט אויפגעהערט טראכטן וועגן דעם!

און בשעת מ'טענה'ט מיט אים ... – זאגט ער: וואס האט מען א טענה צו אים ... די טענה דארף זיין צום אויבערשטן ... וכאמור, עד מתי! ...

דער אב דארף זיך טאקע באהאלטן פון דעם בן ... כדי אז דער בן זאל אים וועלן זוכן, און אז ביי אים זאל נתעורר ווערן א תשוקה ווי פון "ארץ צי' ועיף בלי מים"[178];

אבער בשעת ער שטעקט אים אריין ... אין א חושך כפול ומכופל ... און דערנאך ווערט "אם הראשונים מלאכים כו' כבנ"א"[179] ... און דא איז אפי' ניט "כחמורו ... של רפב"י" ... און ביחד עם זה כאנט מען ביי אים ... אז ער זאל ...

– האלטן –

---

173) תהלים עד, ט. 174) יחזקאל ח, יב. ועוד.
175) וילך לא, יח. 176) הובא בתוי"י ר"פ בראשית.
177) עקב ח, יח. 178) תהלים סג, ב. 179) שבת קיב, ב. תוד"ה ר"נ – שם יב, ב. ועוד.

האלטן איין זוכן ... זונטאג געזוכט ... מאנטאג געזוכט ... (כ"ק אדמו"ר שליט"א בכה הרבה).

און אז מ'זוכט אויף דערויף אן הסברה - זוכט מען אין ספרי מוסר און אין ספרי חסידות, און דערנאך געפינט מען א פס"ד ברור אין גמרא[180] אז "כלו כל הקיצין ואין הדבר תלוי אלא בתשובה", און מ'האט דאך דעם פס"ד ברור[181] אז דורך א הרהור תשובה ווערט מען א צדיק גמור,

און ס'איז דאך ניטא קיין מציאות פון א אידן וואס ביי אים איז ניט געווען קיין הרהור תשובה - מצד אהבה אדער מצד יראה, ארער מאיזה סיבה שתהי',

עאכו"כ בדורנו זה, נאך דערויף וואס מ'האט זיך אנגעזעהן (אין אן אופן פון "עינינו ראו ולא זר ואזנינו שמעו ולא אחר"[182]) מיט אלע עניניס וואס האבן געטראפן בדורנו זה היל"ת, און "לא תקום פעמים צרה"[183], ס'איז שוין גענוג, און ווי דער מיטעלער רבי שרייבט[184] אז מער ווערט דאס ניט זיין ח"ו - איז וויבאלד אז מ'האט דאס געזעהן און געהערט, און מ'געדיינקט דאס, איז א זיכערע זאך אז ס'איז ניטא קיין מציאות פון א אידן וואס האט ניט געהאט א הרהור תשובה, און ניט נאר איין מאָל, נאר כמה פעמים ככה.

איז וואס האט מען א טענה צו א בו"ד ... וואס ער איז א מדוד ומוגבל ... (דורך דעם אויבערשטן אליין, קען מען צו אים ניט האבן קיין טענות) - היתכן אז ער טראכט ניט רועגן דער גאולה, אע"פ וואס ער זאגט (אדער ער ווייסט אז אנדערע זאגן, און ער טראכט וועגן דעם) אז "אחכה לו בכל יום שיבוא"[185], און מ'וויל אז ער זאל שטיין אין דעם מעמד ומצב במשך כל היום כולו - ס'איז ניט אפשרי ... און דער אויבערשטער זאגט אז "איני מבקש ... אלא לפי כחן"[186], און ער אליין האט ניט געגעבן מערער קיין כחות! ...

מ. און אויף דערויף זאגט מען, אז דורך דערויף וואס מ'איז מוסיף אור (און ניט סתם אור, נאר אין דערויף גופא - אור) המשמח, אן אור וואס איז פארבונדן מיט שמחה - איז וויבאלד אז שמחה פורץ גדר[187], איז דאס פורץ זיינע גדרים, און איז פורץ די גדרים פון וועלט, און איז פורץ די גדרים פון דעם חושך כפול ומכופל.

- ובפרט -

---

180) סנהדרין צז, ב. 181) קידושין מט, ב. וראה לקו"ת דברים א, ב. 182) רמב"ם הל' יסוה"ת רפ"ח. 183) ל' הכתוב - נחום א, ט. 184) שעה"ה ה, ב. 185) עיקר הי"ב מי"ג עיקרים. 186) במדב"ר פי"ב, ג. 187) ראה בארוכה ד"ה שמח תשמח תרנ"ז ע' 49 ואילך.

ובפרט לויט תורת הבעש"ט הידועה (בעדרוקט אין כתר שם טוב[188]) וועגן דעם ענין פון נעמען משקה בשעת א פארברייינגען,

אז דאס איז עד"מ צו א בן מלך וואס איז פארוואגלט געווארן בשבי', צווישן אזוינע וואס האבן ניט קיין מושג וואס איז א מלך און א בן מלך - און דארטן האט ער באקומען א בשורה טובה פון בית אביו המלך.

וואס אזוי ווי ער געפינט זיך אין בית האסורים ... צוזאמען מיט די גוים וואס זיינען ארום אים, הויבט ער אן צו טראכטן, אז אויב ער וועט זיך אוועקשטעלן טאנצן און זינגען, וועלן זיי אים מבלבל זיין ...

האט ער די עצה אויף דערויף, אז ער שטעלט אוועק משקה, און ער זעט אז זיי זאלן טרינקען (ובמילא - טרינקט ער אויך), וואס דעמולט זיינען זיי אים ניט מבלבל, און דעמולט קען ער זיין שמח אויך בגלוי - וואס זיי מיינען אז דאס איז מצד די משקה, און ער ווייסט אז דאס איז מצד דער בשורה טובה וואס ער האט באקומען פון בית אביו המלך.

ועד"ז איז דאס אויך אין נמשל: דער נה"א ... איז דאך אראפגעקומען אין א נה"ב, און דער נה"ב געפינט זיך אין עוה"ז הגשמי והחומרי, און ווען מ'זאגט אים אז עס דארף זיין "עבדו את ה' בשמחה"[189] ... באטראכט זיך דער נה"א: ער איז ארומגערינגלט מיט זיין נה"ב און מיט חלקו בעולם און מיט דער גאנצער וועלט וואס איז ארום אים, איז אויב ער וועט זיך אוועקשטעלן זינגען און טאנצן, וועלן זיי אים מבלבל זיין!

איז בשעת ער טרינקט אן זיין נה"ב, קומט טאקע עפעס אן אויך אין נה"א, אבער דער נה"ב הערט אים אויף צו מבלבל זיין.

אין חסידות ווערט אבער דער משל ניט אראפגעבראכט (איך האב עכ"פ ניט געפונען אז חסידות זאל דאס ברענגען),

[אע"פ וואס אין חסידות ווערן אראפגעבראכט כמה טעמים וועגן דעם וואס מ'נעמט משקה בשעת א פארברייינגען, כידוע די שיחה פון דעם בעל ההילולא (וואס איז שוין אויך בעדרוקט[190]) וועגן דעם ענין פון משקין את הבהמה קודם השחיטה, כדי צו אראפנעמען די סירכות וכו'[191] - צוזאמען מיט דער זהירות וואס דארף זיין אין דערויף,

[וכאן המקום איבער'חזר'ן נאכאמאל (דאס וואס איז פשוט

- בלאה"כ) -

----

188) סשצ"ב. 189) תהלים ק, ב. 190) לקו"ד כרך ד תשיט, סע"ב ואילך. 191) ראה ביצה כ, א.

בלאה"כ) וועגן די זהירות וואס דארף זיין אין דערויף,

שלא כדעת הטועים וואס ווילן אפנארן א צווייטן, און זוכן זיך היתרים בנוגע צו דעם וואס מ'האט גערעדט - מיט דער גאנצער שארפקייט - אז מ'זאל זיין זהיר אין נעמען משקה.

וואס די אלע היתרים זיינען אינגאנצן ניט אויסגעהאלטן, ובפרט אז דאס איז להיפך פון די ווערטער פון נשיא דורנו, דער בעל ההילולא, וועגן דער זהירות וואס דארף זיין אין נעמען משקה, און ווי ער זאגט דארטן, אז משקה דארף גאר זיין א דבר המאוס.

עאכו"כ בשעת מ'וויל ארייַנשלעפן אין דערויף דעם נה"א, און זאגן אז כדי ער זאל קענען דינען דעם אויבערשטן, דארף ער נעמען משקה; ניט נאר אז ער טוט דאס וואס דער נה"ב וויל, נאר נאכמער: ער וויל ארייַנשלעפן אין דערויף אויך דעם נה"א!

אבער אין א התוועדות של שמחה איז ניט קיין ענין להרבות אין ענינים וואס זיינען היפך השמחה,

אבער דער משל פון תורת הבעש"ט, ווערט ניט געברויכט אין חסידות,

דערפאר וואס חסידות וויל אז מ'זאל שטיין אין א העכערע דרגא דערפון -

ד.ה. אז דאס וואס ער נעמט משקה איז ניט כדי צו אראפ-נעמען און מבטל זיין א בלבול פון נה"ב, נאר דאס איז פאר-בונדן מיט דער שמחה פון נפש האלקית.

ובדוגמא ווי דאס איז בנוגע צו שמחת יו"ט, וואס בזמן שביהמ"ק הי' קיים, איז געווען דער ענין השמחה דורך בשר, "אין שמחה אלא בבשר", און לאחרי שחרב ביהמ"ק, איז געבליבן דער ענין פון "אין שמחה אלא ביין"[192] (וויבאלד אז ס'איז ניטא קיין בשר שלמים - וואס דאס מיינט "אין שמחה אלא בבשר"), ווי דער אלטער רבי פסק'נט אפ אין שו"ע הל' יו"ט[193], אז דער ענין פון "אין שמחה אלא ביין" איז א מצוה מן התורה אויך איצטער.

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז בשעת ער שטייט אין א מעמד ומצב וואס ביי אים שטייט אלקות בגילוי וואס דאס איז דער כללות הענין פון יו"ט, וואס ער ווערט אנגערופן "מקרא קודש", אז ער איז ממשיך קדושה אין יום החול[194], און אין אן אופן אז דאס שטייט בגילוי, וואס דערפאר איז דער טאג אסור

- אין -

---

192) פסחים קט, א. 193) שו"ע או"ח סתקכ"ט ס"ו.
194) ראה זח"ג צג, ב ואילך. לקו"ת ויקרא ה, ב. ועוד.

אין עשית מלאכה סתם (ניט קיין מלאכת אוכל נפש[195], אדער בחול-המועד - א דבר האבד[196]), און מ'זאגט דעמולט תפלת מוסף וכיו"ב, איז ביי אים דער ענין פון "יין" פארבונדן מיט דער שמחה פון נפש האלקית.

וואס דאס איז א העכערע דרגא דערפון וואס ס'איז מבואר אין דעם משל הנ"ל, אז דאס איז נאר כדי צו אראפנעמען און מבטל זיין א בלבול פון נפש הבהמית.

מא. כאן המקום מוסיף זיין נאך כמה פרטים בנוגע צום סיום:

מ'האט גערעדט פריער[197] וועגן דעם וואס די משנה איז מאריך אין דעם ענין השכר ("לפום צערא אגרא"), אז דאס איז דערפאר וואס "התורה על הרוב תדבר"[198], און דער סדר העבודה איז אז פריער קומט די עבודה "שלא לשמה", צוליב אן ענין של שכר וכיו"ב;

אבער בנוגע צו די וואס האלטן שוין אין תכלית השלימות, און זייער עבודה איז ניט צוליב דעם ענין השכר, נאר אין אן אופן פון "לשמה" - איז בא זיי דער ענין השכר ניט אין אן אופן אז צוליב דערויף זיינען זיי מקיים די מצוה, נאר אדרבה, דאס גיט די פארזיכערונג אז זיי וועלן זיך קענען פארנעמען מיט קיום התומ"צ נאכמער און נאכמער, וויבאלד אז זיי וועלן ניט האבן קיינע בלבולים.

בדוגמא ווי דער רמב"ם[199] זאגט אז דאס וואס "נתאוו החכמים והנביאים ימות המשיח", איז נאר "כדי שיהיו פנויין בתורה וחכמתה כו'", ווארום דעמולט וועלן זיין "מעדנים מצויין כעפר", וועט מען ניט האבן קיינע בלבולים, ובמילא וועט מען קענען דינען דעם אויבערשטן בתכלית השלימות, "ישיגו דעת בוראם כו'".

עס איז אבער נאך אלץ ניט פארשטאנדיק:

אין "תורת אמת" שטייט "למען ירבו ימיכם וימי בניכם גו'"[200], און "כבד את אביך ואת אמך למען יאריכון ימיך גו'"[201], וואס "אין מקרא יוצא מידי פשוטו", און די פסוקים זיינען אויסגעהאלטן אויך אין ימות המשיח,

איז ניט פארשטאנדיק: וויבאלד אז אין ימות המשיח וועט זיין דער ענין פון "ומלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים" -

---

195) טושו"ע (ואדה"ז) או"ח סתצ"ה. 196) טושו"ע או"ח ר"ס תקלט. 197) שיחת יו"ד שבט סל"ד. 198) מו"נ ח"ג פל"ד. 199) הל' מלכים פי"ב ה"ד-ה. 200) עקב יא, כא. 201) פרשתנו כ, יב.

מכסים"[202], און די עבודה וועט זיין בתכלית השלימות, "כעבדים המשמשין את הרב שלא על מנת לקבל פרס" (ווי עס שטייט אין דער התחלה פון מסכת אבות[203] - איז ווי פאסט דעמולט אריין דער ענין פון "למען ירבו ימיכם גו'", אן עבודה וואס איז פארבונדן מיט שכר?

מב. איז דער ביאור בזה:

אויך לע"ל וועט א מענטש געבארן ווערן אלס א קטן - ניט ווי ס'איז געווען ביי אדה"ר אז ער איז מלכתחלה באשאפן געווארן "כבן עשרים שנה"[204] (כולל אויך תכלית השלימות אין דעם ענין הדעת), נאר מ'וועט געבארן ווערן אלס א קטן.

וואס אזוי איז משמע פון פשטות הכתובים, און אזוי איז אויך משמע דערפון וואס דער אלטער רבי ברענגט אין אגה"ק הידועה[205] אז לע"ל וועט אויך זיין דער ענין הלידה, ס'איז מערניט וואס די לידה וועט זיין באופן אחר - "הרה ויולדת יחדיו"[206], אבער דער טבע פון נבראים וועט דעמולט ניט נשתנה ווערן, ובמילא וועט געבארן ווערן א תינוק בן יומו, מיטן שכל פון א תינוק בן יומו.

די עבודה לע"ל וועט טאקע זיין אין אן אופן פון "ילכו מחיל אל חיל"[207] אין קדושה גופא[208] - עס איז אבער ערגעץ ניטא קיין הכרח אז מ'וועט געבארן ווערן אלס א מחוייב במצוות, ווארום מ'וועט געבארן ווערן אלס א תינוק בן יומו.

און דער רמב"ם איז מבאר אין פיהמ"ש[209], אז מצד קטנות השכל פון דעם קטן, קען ער ניט משיג זיין דעת בוראו (ווארום דאס איז נאר "כפי כח האדם"[210], און ער איז נאך א קטן) -

איז בשעת אז מ'וויל ער זאל לערנען תורה און מקיים זיין מצוות, דארף מען אים געבן ענינים של שכר, ממתקים, ממון, כבוד וכיו"ב,

און דערנאך ווען ער ווערט עלטער, זאגט מען אים אז עד וועט באקומען דעם שכר פון עוה"ב - ביז וואנעט ער קומט צו תכלית השלימות בעבודתו, אז זיין עבודה איז אין אן אופן

- פון -

---

202) ישעי' יא, ט. 203) פ"א מ"ג. 204) ב"ר פי"ד, ז. 205) סכ"ו (קמג, ריש ע"ב). 206) ירמי' לא, ח. 207) ל' הכתוב - תהלים פד, ח. 208) ראה בארוכה לקו"ש חי"ד ע' 173 ואילך. וש"נ. 209) סנהדרין פרק חלק ד"ה וכח חמישית. 210) רמב"ם הל' מלכים ספי"ב.

פון לשמה, בדוגמת העבודה פון "אברהם אוהבי"[211].

און ווי דער רמב"ם[212] זאגט אז די עבודה "כדי לקבל שכר" איז דער אופן העבודה פון קטנים און נשים (און אפילו ביי א גדול - ביז ער דערגרייכט צו דער דרגא פון "אברהם אוהבי").

וואס אפי' לע"ל איז דער סדר העבודה ניט קיין ענין וואס איז פארבונדן מיטן חטא עה"ד (א שינוי דערפון ווי עס וואלט געדארפט זיין מצד טבע העולם), נאר דער טבע האדם איז אז ער גייט מן הקל אל הכבד.

וואדרום אפי' נאך דערויף וואס מ'איז שייך צו "ידעו אותי", וועלן דאך אויך זיין חילוקים פון "מקטנם ועד גדולם"[213], איז עאכו"כ בנוגע צו דעם חינוך פון א תינוק בן יומו וואס איז ערשט געבארן געווארן, אז עס מוז זיין פארבונדן מיט אן ענין של שכר.

[מ'געפינט טאקע אז לפני החטא (און אפי' ביז דעם מבול) איז געווען דער סדר אז א תינוק בן יומו איז שוין געווען א גדול, און האט שוין געקענט טאן כו"כ ענינים (ווי עס ווערט דערציילט אין מדרש[214]) - עס רעדט זיך אבער ניט בנוגע צו דעם ענין פון דעת.

וואס דערפאר געפינט מען אז אויך קודם החטא איז געווען דער חילוק צי ער האט עובר געווען אויף א חטא, אדער ער האט ניט עובר געווען, דערפאר וואס עס פעלט נאך אין זיין דעת.

און דאס איז אויך דער ביאור אין דעם וואס נח האט געדארפט מוסר'ן אנשי דורו במשך פון 120 יאר[215], און ס'איז ניט געווען גענוג ער זאל זאגן איין מאל און בקיצור - ווארום בשעת מ'איז מסביר מער בארוכה וכו', קען דאס דערנעמען אויך אזא וואס האט ניט קיין שכל דק, און וואס לענגער מ'איז מסביר, דערנעמט דאס אזא וואס געפינט זיך נאכמער רחוק, ביז למטה מטה ביותר].

מג. עפ"ז איז פארשטאנדיק, אז אויך לע"ל דארף מען האבן דעם ענין פון "למען ירבו ימיכם גו'" וכיו"ב, ווארום דעמולט וועלן אויך זיין קטנים און נשים, און דעמולט וועט אויך זיין דער סדר העבודה מן הקל אל הכבד;

- ער -

---

211) ל' הכתוב - ישעי' מא, ח. וראה רמב"ם הל' תשובה פ"י ה"ב. 212) שם ה"ה. 213) ירמי' שם, לד. 214) ויק"ר פ"ה, א. פרדר"א פכ"ב. 215) תנחומא נח ה (בסופו). ועוד.

ער וועט טאקע גיין "מחיל אל חיל", אבער צוקומען צו דער דרגא פון "אברהם אוהבי" איז אן ענין וואס דארף געווערן עפעם א צייט, וואס אין דער צייט איז ער דאך אויך מחוייב אין לימוד התורה וקיום המצוות, און אין דער צייט וועט מען אים קענען דערנעמען נאר מיט אן ענין של שכר - "למען ירבו ימיכם גו׳".

און דערפאר זאגט מען אויך דעמולט "לפום צערא אגרא", אן ענין של שכר, כדי אז ווען ער האלט נאך בתחלת העבודה זאל אים דער ענין הצער ניט אפשטעלן פון דער עבודה, ווייסנדיק אז "לפום צערא אגרא", אז ער וועט האבן דעם ענין פון שכר.

מד. עס בלייבט נאך אבער ניט פארשטאנדיק:

א תינוק דארף דאך אויך לערנען "תורת אמת" - איז ווי קען מען אים זאגן "למען ירבו ימיכם גו׳" וכיו"ב. לכאורה איז דאך דאס (די עבודה צוליב דעם ענין השכר) ניט קיין ענין אמיתי, ס׳איז מערניט וואס ס׳איז ניטא קיין אנדער ברירה ווי צו דערנעמען אים ער זאל מקיים זיין תומ"צ?!

איז דער ביאור בזה:

מ׳האט גערעדט אמאל בארוכה[216] וועגן דער הנהגה ווי מ׳פירט זיך ביים איינפירן א דריי-יאהריק קינד אין חדר (ווי כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו איז מבאר), אז מ׳פאר-וויקלט אים מיט א טלית[217], און מ׳ווארפט אים מבתקים, זאגנ-דיק דערביי אז דאס ווארפט מלאך מיכאל[218],

וואס לכאו׳, איינפירן א קינד אין חדר (צו כללות לימוד התורה) מיט אן ענין של שקר ח"ו, איז היפך ענין החינוך בכלל?!

האט מען מבאר געווען[219], אז דאס וואס דער פאטער (צי די מוטער, דער עלטערער ברודער, אדער דער מלמד) ווארפט אים די ממתקים, טוט ער דאס בשליחותו פון "מיכאל שרכם"[220] [וואס "שלוחו של אדם כמותו"[221] איז דאך אויך בנוגע צו "אדם העליון"[222], ועד"ז איז אויך פארשטאנדיק בנוגע צו "מיכאל שרכם"],

- נאר -

---

216) שיחת ש"פ פינחס, מבה"ח מנ"א ה׳תשל"ד. זאת חנוכה ש.ז. סכ"ת. 217) ראה סה"ש ת"ש ע׳ 67 ואילך. 218) סה"ש תש"א ע׳ 30. 219) שיחת זאת חנוכה שם. וראה גם שיחת ש"פ פינחס הנ"ל. 220) דניאל כא. 221) ברכות לד, ב. וש"נ. 222) ראה לקו"ת ויקרא שם.

נאר אזוי ווי מ׳קען ניט מבאר זיין דעם קינד דעם גאנצן ביאור והסברה, זאגט מען אים דעם עיקר הענין - אז דאס ווארפט מלאך מיכאל, וויבאלד אז אזוי איז טאקע דער אמת - מ׳סוט דאס בשליחותו פון "מיכאל שרכם".

מה. ועד"ז האט מען אויך גערעדט אמאל בארוכה[223] וועגן דעם וואס מ׳זאגט[224] "דברה תורה כלשון בנ"א", און דערפאר שטייט אין תורה "עיני ה׳" וכיו"ב - וואס לכאו׳ איז ניט פארשטאנ-דיק: תורה איז דאך "תורת אמת", איז וואס איז דאס פאר א תירוץ אז מצד דערויף וואס "דברה תורה כלשון בנ"א", זאל מען קענען זאגן "עיני ה׳", דאס איז דאך אן ענין וואס איז היפך האמת?!

האט מען מבאר געווען, אז די אמת׳ע מציאות פון דעם עין הגשמי, איז ניט דער בשר ודם און די גידים ועורקים וואס זיינען דא אין דעם עין, נאר די אמת׳ע מציאות דערפון איז - דער "דבר ה׳" וואס איז מהוה דעם עין הגשמי בכל רגע ורגע מאין ואפס המוחלט.

ס׳איז מערניט וואס בשעת מ׳רעדט אין "לשון בנ"א", רופט מען דאס ניט אן אז דאס איז "דבר ה׳" וכיו"ב, ווארום עס וועט נעמען א לאנגע צייט צו מבאר זיין תורת הבעש"ט[225] מיט די גאנצע אריכות שבזה, און דערפאר זאגט מען סתם "עין"; אבער אמיתת המציאות פון דעם "עין" איז - דער "דבר ה׳", דאס ליגט אבער באהאלטן אין דעם עין הגשמי, אזוי אז מ׳זעט דארטן ניט דעם "יוצר עין"[226].

ד.ה. אז מצד דערויף וואס דער אדם איז באשאפן געווארן "עפר מן האדמה"[227], און ביי אים פעלט דער הדגש פון "אדמה לעליון"[228] - איז ער תופס דעם בשר און דעם דם און די עורקים וואס זיינען אין דעם עין;

דער אמת איז אבער - ווי דעד של"ה[229] זאגט אז "התורה מדברת בעליונים ורומזת בתחתונים" (און ניט אז "מדברת בתחתונים ורומזת בעליונים"), נאר אזוי ווי דער עין און דער שכל הגשמי קענען ניט תופס זיין אן ענין רוחני, איז ער דערווייל תופס בגשמיות הדבר.

ובדוגמא ווי דער צווייטער משל וואס שטייט אויף דערויף, אז בשעת ער איז מחבק דעם מלך, איז אע"פ אז דער

- מלך -

----

223) שיחת ש"פ פינחס הנ"ל. וראה גם לקו"ש לך לך תשל"ח ס"ו-ז. 224) רמב"ם הל׳ יסוה"ת פ"א ה"ט. 225) שעהיוה"א פ"א. 226) ל׳ הכתוב - תהלים צט, ט. 227) בראשית ב, ז. 228) של"ה כ, ב. שא, ב. ועוד. 229) בהקדמה סוף בית אחרון.

מלך איז לבוש אין כמה לבושים, און מ'וויל אים איינרעדן אז ער איז מחבק דעם מלך, נאר מאיזה סיבה שהה' איז דער מלך לבוש אין כמה לבושים, אבער די לבושים זיינען בטל צום מלך המלובש בהם,

און נאכמער: בכל רגע ורגע ווערט דער לבוש נתהוה מאין ואפס המוחלט, ווי גערעדט פריער.

וואס עפ"ז איז אויך פארשטאנדיק דער ביאור בנדו"ד, אז אויך לע"ל וועט זיין תחלת העבודה אין אן אופן פון "למען ירבו ימיכם" וכיו"ב, אן ענין של שכר.

מו. מ'האט גערעדט נעכטן בארוכה[230], אז אזוי ווי מ'האט שוין יוצא געווען דעם ענין פון "לפום צערא" אין אן אופן וואס איז למעלה ממדידה והגבלה לגמרי, איז לכל הדעות כולם דער הכדח אז ס'זאל שוין זיין דער "אגרא" - דער שכר הכי גדול, בכל המובנים, מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה.

און מ'וועט נוצן דעם שכר אין אן אופן אז די ענינים של צער וואס זיינען געווען בעבר זאלן ניט מבלבל זיין, ביז אז מ'וועט זיין אין א מעמד ומצב אז מ'וועט פארשטיין און מ'וועט קענען זאגן "אודך ה' כי אנפת בי"[231], און דער עיקר איז - אז דער "אנפת" וועט זיין אן ענין וואס איז געווען בעבר.

און ס'וועט זיין "שמחת עולם על ראשם"[232], אנהויבנדיק פון דער צייט פון גלות, וויבאלד אז עס דארף זיין "טועמי' חיים זכו"[233].

ובקרוב ממש וועט מען דאס זעהן בעיני בשר - לויט דער הבטחה וואס "גלה סודו אל עבדיו הנביאים"[234], און נאך דערויף - צו די צדיקים און נשיאים שבכל דור ודור, ביז צו נשיא דורנו, דער בעל ההילולא.

און ס'וועט זיין "והקיצו ורננו שוכני עפר"[235] והוא בתוכם, ויוליכנו קוממיות לארצנו, בקרוב ממש.

צוה לנגן ופרצת.

כ"ק אדמו"ר שליט"א התחיל לנגן ניעט ניעט ניקאווא.

אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה.

טרם צאתו התחיל לנגן כי בשמחה תצאו.

* * *

---

230) מוצאי ש"פ בשלח, י"ג שבט סל"ה. 231) ישעי' יב, א. 232) שם לה, י. ועוד. 233) ראה לקו"ש וישלח-י"ט כסלו תשל"ז ס"ב. ושנ"נ. 234) עמוס ג, ז. 235) ישעי' כו, יט.